בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

## בימי השובבי"ם

שנאמרה בסעודה שלישית בעידן רעוא דרעוא

## ס"ג יתרו תשכ"ב (מקוצר)

קונטרס זו מיוחד לשמיעה עם הרעקאָרדינג

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

מערכת ״לשון קדשו״

מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040


**קונטרס 17** (מהדורא ב)

47

---

# לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**

(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **ס״ג יתרו שובבי״ם תשכ״ב** (מקוצר)

דרוקט: **#→22→5→2→6→1** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(57 מינוט) קלאָר

[כל התורה הוא 1 שעה 47 מינוט]

---

KolSatmar.com

# קושיות ודיוקים בפרשת השבוע

יג

## דיוקים בפסוק וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ

**וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ עַל כָּל הַטּוֹבָה** [אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל].

**זאָגט די גמרא** [שיש מחלוקת רַב וּשְׁמוּאֵל בפירוש וַיִּחַדְּ] (כדלקמן אות יד)

פשטות הלשון "וַיִּחַדְּ" מורה על שמחה - ששמח בישועת ה' וישראל

מילא דער פראָסטער פְּשַׁט איז [כתרגומו] וַחֲדִי[א], ער האָט זיך געפרייט. אַזוי איז דאָך פשוט דער פְּשַׁט, [ששמח] עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל, ער האָט זיך געפרייט, ער איז דאָך געווען אַ צדיק, ער האָט זיך געפרייט מיט ישועת ה', [און] ישועת ישראל.

אין די גמרא איז אַ פלוגתא [בפירוש וַיִּחַדְּ] (כדלקמן אות יד).

די גמרא איז מוציא דעם וַיִּחַדְּ פונעם [פשוט'ן] פְּשַׁט. ס'קען זיין, ווייל ס'שטייט נישט דאָס לשון "וַיִּשְׂמַח". (עי' הגה אות ב)

הגם מ'געפינט אַסאַך מאָל אין פסוק [דחדוה הוא לשון שמחה, וכמו] כִּי "חֶדְוַת" ה' הִיא מָעֻזְּכֶם (נחמיה ח, י), געפינט מען אַסאַך מאָל אַז 'חֶדְוָה' איז פון לשון שמחה. - נאָר אף על פי כן, איז דאָ צו דרש'נען, פאַרוואָס שטייט נישט אַן אַנדער לשון פון לשון שמחה.

יד

פלוגתת רב ושמואל, לרב נתגייר ומל עצמו, לשמואל היה מיצר ודואג על איבוד מצרים

דרש'נט די גמרא (סנהדרין צד.), איז אַ פלוגתא רב ושמואל.

**רב זאָגט:** וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ, שֶׁהֶעֱבִיר חֶרֶב חַדָּה עַל בְּשָׂרוֹ. זאָגט רש"י שֶׁמָּל עצמו, שנתגייר, ער האָט זיך מגייר געווען.

און **שמואל זאָגט:** שֶׁנַּעֲשָׂה בְּשָׂרוֹ חִדּוּדִים חִדּוּדִים, [פירש"י] שהיה מיצר ודואג על איבוד מצרים.

**אָמַר רַב:** הַיְינוּ דְּאָמְרֵי אִינְשֵׁי, גִּיּוֹרָא עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי, לָא תִּבְזֶה אַרְמָאִי קַמֵּיהּ.

טז

קושיא ט

קושית המהרש"א: למה מביא רב ראיה לשיטת שמואל?

ט) זאָגט דער מהרש"א[ב], אין ילקוט איז די גירסא "רב פפא", אין מדרש [ילקוט], וואָרן לעולם מ'געפינט נישט אין ערגעץ אַ מאן דאמר זאָל ברענגען אַ ראיה צו זיין בר פלוגתא [בלשון זה].

האָט ער געדאַרפט צו זאָגן "תַּרְגְּמָא רַב אַלִּיבָּא דִּשְׁמוּאֵל".

---

[א] כן פירשו האבן עזרא ורבינו בחיי ועוד דוַיִּחַדְּ הוא מלשון חֶדְוָה.

[ב] במהרש"א: ובגירסת הילקוט "אמר רב פפא" היינו כו', וכן צריך לומר, דלגירסתינו דרב מייתי ראיה לדברי שמואל בעל פלוגתיה, ודרך התלמוד לומר בכי האי גוונא "תרגמא רב אליבא דשמואל". - ומדלא כתיב וַיִּשְׂמַח וכתיב וַיִּחַדְּ דרשו כך, עכ"ל.

KolSatmar.com

וואָרן דער ״הַיְינוּ דְּאָמְרֵי אִינְשֵׁי״, גִּיּוֹרָא עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי, לָא תִּבְזֶה אַרְמָאִי בְּאַפֵּיהּ, דאָס איז דאָך אַ ראיה [לשיטת שמואל] ׳שהיה מיצר ודואג על איבוד מצרים׳, נישט אויף דעם וואָס ער האָט זיך מַלֵ׳ע געווען.

פאַרוואָס ברענגט רב אַ ראיה צו שמואל׳ס מימרא, להיפך וואָס ׳ער׳ האָט געזאָגט?

דער ילקוט איז גורס ׳רב פפא׳, אָבער אין די גמרא שטייט ׳רב׳, אין אַלע גמרות שטייט ׳רב׳.

## יז
### קושיא י

קשה לשיטת שמואל איך אפשר לומר שצדיק אמת כיתרו היה מיצר ודואג על איבור צוררי השי״ת

**י) דאָס גאַנצע ענין איז דאָך שווער** [שיטת שמואל שהיה מיצר ודואג].

כמה ראיות שיתרו היה צדיק אמת

א. ער איז דאָך געווען אַ צדיק אמת, יתרו, ווי דער **מדרש**[ג] זאָגט [וַיֹּאמֶר אֶל מֹשֶׁה] אֲנִי חֹתֶנְךָ יִתְרוֹ, כבוד גדול נתכבד יתרו, [וַיֹּאמֶר] און הקב״ה האָט אים געזאָגט [אֶל מֹשֶׁה], אדם זה שבא להתגייר תְּקָרְבוֹ ולא תְרַחְקוֹ, אני הוא הַמְּקָרֵב ולא הַמְּרַחֵק, זאָלסט אים מְקָרֵב זיין, שלא בא אלא לשם שמים, האָט ער [הקב״ה] אים דערציילט, אַז ער [יתרו] איז געקומען לשם שמים.

ב. רש״י אַליין ברענגט דאָך אויך. [וַיָּבֹא יִתְרוֹ וגו׳ אֶל הַמִּדְבָּר] אתה לָמֵד שְׁבָחוֹ של יתרו, ער האָט איבערגעלאָזט אינדערהיים כבודו של עולם. און איז געקומען אין דער מִדְבָּר אַריין [מקום תוהו], צו משה רבינו׳ן, צו הערן דברי תורה.

ג. שטייט בפירוש אַרויס דער **מדרש** זאָגט זה גר צדק[ד]. אַז ס׳איז דאָ אַ גר צדק איז יתרו אַ גר צדק.

ולכאורה קשה על שמואל, איך אפשר לפרש שהיה מיצר ודואג על איבור צוררי השי״ת

ווי קומט דאָס עפּעס ער זאָל זיין מיצר ודואג על איבוד מצרים, זיי זענען דאָך געווען צוררי ה׳, אויף וואָס דער בורא כל עולמים האָט געטוהן [נסים לאבדם], אויף דעם איז ער געווען מיצר ודואג?

ס׳איז דאָך גאָרנישט צו פאַרשטיין.

## יח
### קושיא יא

איך אפשר לומר על צדיקי אמת שבאו מגרים, שאין לבזות עכו״ם בפניהם

**יא) דער גאַנצער גִּיּוֹרָא עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי** [צריך ביאור].

ס׳איז דאָך אויך געווען צדיקי אמת. ס׳איז דאָך געווען צווישן זיי גֵּרֵי צֶדֶק וואָס זענען אַרויסגעקומען [מבני גרים].

---

[ג] **במדרש** (שמו״ר כז, ב). וַיֹּאמֶר אֶל מֹשֶׁה אֲנִי חֹתֶנְךָ יִתְרוֹ בָּא אֵלֶיךָ. רבי אליעזר אומר, הקב״ה אמר לו צא, וַיֹּאמֶר אֶל מֹשֶׁה, אמר לו הקב״ה אני הוא שאמרתי והיה העולם וכו׳ אני הוא שאני מקרב אני הוא שאני מרחק וכו׳ אני הוא שקרבתי ליתרו ולא רחקתיו, אדם זה שבא אצלי לא בא אלא לשם שמים ולא בא אלא להתגייר, אף אתה קרבהו אל תרחיקהו מיד וַיֵּצֵא מֹשֶׁה לִקְרַאת חֹתְנוֹ. עכ״ל.

[ד] **בתנחומא** (סימן א), מי היה זה שבא ונתגייר גר של אמת, זה יתרו, שנאמר וישמע יתרו.

KolSatmar.com

מ'געפינט דאָך אין די גמרא, תנאים ואמוראים וואָס זענען אַרויסגעקומען מבני גרים, און זענען געווען צדיקי אמת, ווי קען מען אויף זיי זאָגן לָא תִבְזֶה אַרְמָאִי בְּאַפֵּיהּ.

### יט
### קושיא יב
הדרש שהיה מיצר ודואג הוא היפוך לגמרי מפשוטו של מקרא "על כל הטובה"

יב) נאָר ס'איז דאָך גאָר שווער פונעם פסוק. אין פסוק שטייט בפירוש [וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ] עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה'.

נו גיי איך דאָך אַוועק אינגאַנצן [מפשוטו של מקרא, דלפי הדרש] אַז ער איז גאָר געווען מיצר ודואג על איבוד מצרים, איז דאָך עס נישט עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה' לְיִשְׂרָאֵל, ס'איז דאָך גאָרנישט דאָס.

### כ
### קושיא יג
הלשון "חֶרֶב חַדָּה" קשה, כי מילה כשירה בכל דבר, ולא מצינו החיוב למול בחרב

יג) לאָמיר זען, רש"י'ס פשט [בסנהדרין] אויף דעם וואָס רב זאָגט שֶׁהֶעֱבִיר חֶרֶב חַדָּה עַל בְּשָׂרוֹ, זאָגט רש"י שֶׁמָּל עַצְמוֹ.

דאָס איז אויך אַ פלא פון אַ לשון, מ'געפינט נישט אין ערגעץ [אַז] מצות מילה זאָל מען אָנרופן עפּעס מיט אַ "חֶרֶב חַדָּה".

ס'קאָן זיין שֶׁמָּל עַצְמוֹ, אָבער אפילו איך וועל שוין זאָגן אַ "מעסער" און ס'איז געווען חדה [אינו צריך חֶרֶב].

[ובאמת מצינו] וַתִּקַּח צִפֹּרָה "צֹר" וַתִּכְרֹת [אֶת עָרְלַת בְּנָהּ], וואָס אַ נפקא מינה מילה מיט וואָס[ה], וואו שטייט אַז ס'מוז זיין עפּעס אַ חרב חדה.

און אפילו ווען יאָ [שצריך להיות ברזל], קאָן ער זאָגן ער האָט גענומען "סכין". [ולמה אמר לשון חרב].

### כא
הלשון "חֶרֶב" מורה על חורבן, וגזירות רעות, ולמה נקט לשון זה אצל מצות מילה

א. חֶרֶב. חרב בא לעולם (אבות פ"ה מ"ח). רופט מען דאָך אָן [אַ מגיפה].

ב. וַהֲרִיקֹתִי אַחֲרֵיכֶם חָרֶב (ויקרא כו, לג).

ג. וְנָפְלוּ לִפְנֵיכֶם [לֶחָרֶב] (ויקרא כו, ז).

איבעראָל וואו ס'שטייט חֶרֶב אין דער תורה הקדושה, איז רחמנא ליצלן לא עלינו, אַ גזירה. אַ ביטערע גזירה, אַ גזירת הריגה.

ד. ביי אַ גזירת מיתה טרעפט מען דעם לשון חֶרֶב. ווי די גמרא זאָגט (ברכות י.) אפילו "חרב חדה" מונח על צוארו אל ימנע עצמו מן הרחמים.

דאָרט ביי די גזירה, ביי ישעיה הנביא' [למדו זאת מפסוק] הֵן יִקְטְלֵנִי לוֹ אֲיַחֵל. וואו ישעיה הנביא האָט געזאָגט פאַר חזקיהו [המלך] כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה.

---

[ה] וכן נפסק בשו"ע (יו"ד רסד, ב) בכל מלין, אפילו בצור ובזכוכית, ובכל דבר הכורת וכו' ומצוה מן המובחר למול בברזל, בין בסכין בין במספרים, ונהגו למול בסכין.

KolSatmar.com

האָט ער [חזקיהו] געזאָגט איך וויל נאָך היצט פאַררעכטן. האָט ער [ישעיה] געזאָגט כבר נגזרה גזירה. האָט ער [חזקיהו] געזאָגט כַּלֵּה נְבוּאָתְךָ וְצֵא. כך מקובלני מבית אבא אפילו חרב חדה מונחת וכו'.

[היוצא מזה,] אַ גזירה רעה ווערט אָנגערופן אַ "חרב חדה".

ה. וְעַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה[ז] ביי עשו'ן [ג"כ הכוונה למלחמה ולרציחה].

[ואם כן] אַז ס'איז מצות "מילה" וואָס דאַרף ער צו זאָגן "חרב"?

אַז ער וויל שוין יאָ זאָגן וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ. וַיִּחַדְּ לשון חדה, קאָן ער זאָגן סכין חד, דאָס איז כאָטש נישט אַזוי. דאָס ווייזט דאָך נישט חלילה אויף אַזאַ חס ושלום [גזירה].

מ'געפינט נישט אין ערגעץ ס'זאָל אָנגערופן ווערן חלילה "סכין" בא לעולם. שטייט נאָר "חרב" בא לעולם, איבעראָל אין לשון חכמינו ז"ל און אין לשון הכתוב. אין די פסוקים לִפְנֵיכֶם לֶחָרֶב. אין די פסוקים שטייט סתם חרב, אין די פסוקים און אין דברי חכמינו ז"ל, חרב שטייט לא עלינו רחמנא ליצלן עפּעס אויף אַ - אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן - אויף אַ חורבן, איז אַ חרב.

ה. [וכן מתפללין] מ'זאָל מציל זיין, וְתַצִּילֵנוּ מֵחֶרֶב וּמֵרָעָב וּמִדֶּבֶר, מ'בעט זיך מ'זאָל ניצול ווערן פון חֶרֶב.

און לויט רַבִּ'ן, אַז ער דערציילט מיר דאָ אַז ער האָט זיך מַלֶ'ע געוועזן. דאָס לשון חדה. אַז דער פסוק דערציילט אַז ער האָט זיך מַלֶ'ע געוועזן רופט ער עס אָן חרב חדה?

וואָס עפּעס אַ חרב, מיט אַ חרב האָט ער זיך מל'ע געוועזן? פאַרוואָס? פאַרוועזן? פאַרוואָס זאָל שטיין אַזאַ לשון אין די גמרא?

הלא דבר הוא, ס'ברויך פשט.

## כב

[קושיא יד, טו, טז - מתוך הדרוש]

## דיוקים בפסוק מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹקִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל

יד) וּמֹשֶׁה 'עָלָה' אֶל הָאֱלֹקִים 'וַיִּקְרָא' אֵלָיו וגו' מֹשֶׁה 'יְדַבֵּר' וְהָאֱלֹקִים 'יַעֲנֶנּוּ' בְקוֹל. צ"ב ששינה הלשון מלשון עבר ללשון עתיד, והוי ליה לומר משה 'דִבֵּר' וְהָאֱלֹקִים 'עֲנָהוּ' בְקוֹל?

טו) תיבת בְקוֹל נראה כמיותר כי מובן מאליו שנתן לו כח הדיבור.

טז) במדרש בְקוֹל לא נאמר אלא בקולו של כל אחד ואחד, וצ"ב.

(הקושיות בלשון רבינו באות סו)

---

[ו] בגמרא. מי כהקב"ה שיודע לעשות פשרה בין שני צדיקים וכו', הביא יסורים על חזקיהו, ואמר לו לישעיהו, לך ובקר את החולה וכו' שנאמר (ישעי' לח, א) בַּיָּמִים הָהֵם חָלָה חִזְקִיָּהוּ לָמוּת וַיָּבוֹא אֵלָיו יְשַׁעְיָהוּ בֶן אָמוֹץ הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה אָמַר ה' צַו לְבֵיתֶךָ כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה וכו' אמר ליה, כבר נגזרה עליך גזירה. אמר ליה, בֶּן אָמוֹץ, כלה נבואתך וצא, כך מקובלני מבית אבי אבא, אפילו חרב חדה מונחת על צוארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים וכו' שנאמר (איוב יג, טו) הֵן יִקְטְלֵנִי לוֹ אֲיַחֵל.

[ז] בספרי (וזאת הברכה, שמג). הלך אצל בני עשו אמר להם מקבלים אתם את התורה? אמרו לו מה כתוב בה, אמר להם לֹא תִּרְצָח, אמרו כל עצמם של אותם האנשים, ואביהם רוצח הוא, שנאמר והידים ידי עשו, ועל חרבך תחיה, ע"כ.

KolSatmar.com

כג

# דברי התעוררות לימי השובבי״ם

דעס ענין דערפון. ס׳איז ידוע אַז די אַלע פרשיות זענען די ימי השובבי״ם, אויף דעם תיקון חטא הידוע, די אַלע פרשיות פון יציאת מצרים.

איתא בכתבי האריז״ל: שדור המבול נתגלגלו כמה פעמים, עד שנתקנו ביציאת מצרים ובקבלת התורה

ס׳איז געווען בירור הניצוצין געווען, און דער גמר איז געווען ביי יציאת מצרים נאָך קבלת התורה.

ווי דער אר״י הקדוש זאָגט, שטייט דאָך, דער אר״י הקדוש זאָגט דאָך אין שער הפסוקים[ח] רעכנט ער דאָך אויס, אַז דאָס דור המבול זענען נאָכאַמאָל מְגֻלְגָּל געוואָרן אין דור הפלגה, און נאָכדעם אין אנשי סדום, און דערנאָכדעם זענען זיי געקומען קיין מצרים.

דער בורא כל עולמים האָט אַראָפּגעשיקט נשמתם קיין מצרים. און דאָס זענען געווען די ס׳ רבוא אידן. די וואָס זענען געשטאַנען דערנאָך ביים מעמד הנבחר. און אַזוי זענען זיי נתברר געוואָרן, פאַרראָכטן געוואָרן, אין מצרים.

כָּל הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה תַּשְׁלִיכֻהוּ, דאָס איז די בחינה וואָס ס׳איז געווען דעם ״דור המבול״. [בדור המבול חטאו בהשחתת זרעם, לכן נמוחו אז בימי המבול מים רותחין].

און די זענען דערנאָך ניצול געוואָרן און זיי האָבן געזאָגט ״זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ״. אַזוי ווי ס׳איז געווען נאָכדעם.

בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים, דאָס איז דעם ״דור הפלגה״. [שאמרו הָבָה נִלְבְּנָה לְבֵנִים, וכנגדו וַיְמָרְרוּ אֶת חַיֵּיהֶם, לבנות פיתום ורעמסס, כנגד העיר והמגדל ההם]. - רעכנט ער אויס די אַלע ענינים, בירור אחר בירור. דעמאָלטס זענען זיי פאַרראָכטן געוואָרן.

כד

במצרים היו גדורים בעריות והי׳ להם מסי״נ ועי״ז התקינו חטא דור המבול כי השחית כל בשר

ס׳איז דאָך ידוע דער חטא פון דור המבול איז דאָך געווען כִּי הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ. איז דאָך געווען ׳דער׳ חטא. ממילא קומט אויס טאַקע אַז דעם דור המבול וואָס זיי האָבן פוגם געווען, [תקנו] אין מצרים.

---

[ח] בשער הפסוקים, (פרשת שמות) מבאר כל הענין באריכות גדול ונעתיק מקצתן בקיצור הלשון.

סיבת הגלות שגלו ישראל בין האומות, כי אדם הראשון היה כולל כל הנשמות, וכשחטא, נפלו ממנו כל הנשמות ההם לתוך הקליפות, הנחלקות לשבעים אומות, וצריכים ישראל לגלות שם בכל אומה ואומה, ללקט שושני הנשמות הקדושות, שנתפזרו תוך הקוצים ההם. והנה התחלת גלגולם היה בדור המבול, ועיקר חטאם היה בהשחתת זרעם על הארץ. אחר כך נתגלגלו פעם ב׳ בדור הפלגה, וגם הם הרעו כאבותם וכו׳. אח״כ נתגלגלו פעם שלישית באנשי סדום, ולכן נאמר בהם ואנשי סדום רעים וחטאים לה׳ מאד. והנה אחר שנתגלגלו ג׳ פעמים בג׳ דורות הנזכר וכו׳ אז חזרו להתגלגל פעם רביעי במצרים, בבני ישראל, שהיו נולדים אז בדור הגלות ההוא, ואז התחילו ליתקן.

ובזה יתורץ לך קושיא אחת גדולה, שנתחבטו בה גדולי עולם וכו׳ טעם לגלות מצרים, למה היה הגלות ההוא. ועוד למה במצרים, יותר משאר ארצות וכו׳ והענין מבואר, כי נשמות אלו נטבעו בקליפות באומת מצרים, ולכן לפי שבתחלה בדור המבול חטאו בהשחתת זרעם, אשר לכן נמוחו אז בימי המבול מים רותחין, לכן גם עתה גזר עליהם פרעה, כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו. וכנגד מה שחטאו בגלגול דור הפלגה, הבה נלבנה לבנים, ונשרפה לשרפה, לבנות את העיר ואת המגדל, לעלות ולכפור בעיקר להלחם בו, לכן עתה נאמר במקומו הבה נתחכמה לו. כנגד הבה נלבנה לבנים, וימררו את חייהם, לבנות פיתום ורעמסס, כנגד העיר והמגדל ההם. - ואחר שתיקנו כל הפגמים, אז עמדו בהר סיני, ופסקה כל זוהמתם הראשונה, ואז קבלו כל התורה כולה.

KolSatmar.com

דורך דעם שעבוד מצרים, און דורך די מאורעות, און דורך דעם מסירת נפש, סוף כל סוף זענען געווען גדורים בעריות, און נאָך אַזעלכע מדות וואָס זיי האָבן געהאַט, כאָטשיג זיי זענען געווען משוקע האָבן זיי אָבער מיטגעמאַכט אַסאַך מסירת נפש [ועשו בזה התיקונים].

דערנאָך זענען זיי צוגעקומען צו קבלת התורה דאָס איז געווען דער גמר התיקון, איז פאַרראָכטן געוואָרן דער חטא פון דור המבול וואָס הִשְׁחִית כָּל בָּשָׂר אֶת דַּרְכּוֹ עַל הָאָרֶץ.

על כל פנים זענען די וואָכן די זמנים זענען מסוגל אויפ'ן תיקון פון חטא הידוע.

**כה**

הקדמה לביאור קושיא יג - **ענין מסירת נפש לתיקון החטא**

בדברי חיים מיישב הסתירה שבזוה"ק אי מהני תשובה על חטא זה

שטייט אין **דברי חיים** פרשת נח [על הפסוק] קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי, וואָס שטייט עפּעס קֵץ כָּל בָּשָׂר.

שמועסט ער דאָרטן פון דעם ענין וואָס זיי ברענגען דאָך, שטייט דאָך אין זוהר הקדוש אויף איין מקום (ויחי ריט:) אַז ס'העלפט גאָרנישט קיין תשובה חלילה אויף דעם חטא.

ברענגט ער אָבער דאָך זעט דאָך אויס, אין זוהר הקדוש אַליין זעט דאָך אויס אויף אַ פּלאַץ (נח סב. ויקהל ריד:) אַז ס'נוצט נאָר תְּיוּבְתָּא יַתִּיר.

**כו**

בדברי חיים מביא ראיה מדור המבול שמהני תשובה. והראיה כבר מובא בראשית חכמה

ער ברענגט אַ ראיה דאָרטן, אַז ס'העלפט יאָ תשובה, פונעם דור המבול.

אַ חידוש, די ראיה שטייט אין **ראשית חכמה** (שער הקדושה פי"ז אות י"ח), ער ברענגט אויך די ראיה, ער [בדברי חיים] זאָגט סתם [ולא מזכיר הראשית חכמה].

[והראיה] וואָרן מ'זעט דאָך אין דור המבול איז דאָך אויך געווען דער חטא, און פונדעסטוועגן האָט מען זיי געוואַרט הונדערט און צוואָנציג יאָר טאָמער וועלן זיי תשובה טאָן, [און] אפילו ווען ס'איז שוין געגאַנגען דער מבול, טאָמער וועלן זיי נאָך תשובה טאָן [יהיו] גשמי ברכה, זעט מען דאָך אַז ס'העלפט יאָ תשובה.

**כז**

וקשה על ראיה זו, דאולי התשובה מהני רק שיתבטל הגזירה, אבל החטא אינו נמחק לגמרי,

וזה שאמר בזוה"ק שאינו מהני תשובה, היינו שימחק לגמרי

איך האָב שוין אַמאָל געזאָגט (ס"ג ויחי תשי"ז) ס'קאָן זיין אפילו ס'איז נאָכנישט עפּעס אַזוי שטאַרק [הראיה], לעולם קען מען זאָגן אַז ס'העלפט תשובה [נאָר] ס'זאָל נישט זיין אַזאַ גזירה זאָלן נמחה ווערן, אָבער טאַקע אינגאַנצן [לא מהני]. דער זוהר הקדוש וואָס ער וויל זאָגן ס'העלפט נישט קיין תשובה, מיינט ער דאָך ס'זאָל אינגאַנצן נמחה ווערן דער עון. אַזוי ווי ביי אַנדערע עונות איז דאָך לא יזכרו, לא יזכר ולא יפקד, מ'קען צוקומען צו קבלת פני השכינה און צו די גרעסטע מדריגות. אַזוי ווייט קען זיין אפשר [דלא מהני].

KolSatmar.com

כח

בדברי חיים כתב: דבמסירת נפש להקב"ה יכול לכפר גם על חטא הידוע

אָבער יהיה איך שיהיה, דער דברי חיים שמועסט דאָרטן. ער קומט אויס, תמצית דבריו הקדושים קומען אויס דאָרטן.

אַז מ'האָט אמת'דיג "מסירת נפש" פאַר'ן באַשעפער, **אַ השתוקקות עַד דִּכְדּוּכָהּ שֶׁל נֶפֶשׁ**, אַז מ'האָט מסירת נפש פאַר'ן בורא כל עולמים **דאָס איז מכפר אויפן חטא הידוע אויכעט.**

אַזוי זעט אויס דאָרטן מסגנון דבריו, דער גאַנצער שמועס גייט דאָרט אַזוי.

כט

בשם הרה"ק מראָפּשיץ: העולם שמכריזין עבירה צריכים לטבול, ולפני הקב"ה אין מזכירין עצם החטא

מיט דעם זאָגט ער, קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי. ברענגט ער אַז ער האָט געהערט פונעם **ראָפּשיצער רב** זכרונו לברכה האָט ער געהערט, **אדמו"ר החכם** האָט געזאָגט.

אַקעגן וואָס ס'שטייט דאָך אין אותיות דרבי עקיבא (מובא בקב הישר פ"א) **אַז דעם עולם וואָס מ'רופט אויס דעם חטא טובל'ט מען כמה פעמים פון דער זוהמא.** ווייל מ'האָט דאָרט אויסגערופן אַ חטא.

[ולכאורה קשה] וויאַזוי קאָן מען מזכיר זיין פאַר'ן בורא כל עולמים [החטא ע"י] די מקטריגים, [הלא הקב"ה הוא] טְהוֹר עֵינַיִם [מֵרְאוֹת רָע] (חבקוק א, יג), וויאַזוי קאָן מען מזכיר זיין אַ חטא?

ברענגט ער, ער האָט געהערט פונעם **ראָפּשיצער רב** זכרונו לברכה, ער האָט געזאָגט **אדמו"ר החכם**. אַז פאַר'ן בורא כל עולמים זאָגט מען [התשובה על החטא]. - אין יעדע עבירה איז דאָך דאָ אַ ניצוץ הקדוש, דער כח התשובה, גדולים בעלי תשובה (ברכות לד:). ליגט דאָך אַ ניצוץ הקדוש. און ווען מ'זאָל תשובה טאָן אויף דער עבירה ווערט דאָך דאָס נתעלה, איז מען דאָך נאָך גרעסער ווי ווען מ'האָט נישט געזינדיגט, - ממילא איז מען מזכיר פאַר'ן בורא כל עולמים די תשובה, דער האָט געטוהן אַ זאַך וואָס אויף דעם ברויך מען די תשובה, אָבער נישט דעם עצם החטא.

"קֵץ" כל בשר, היינו התשובה שהוא עד הקץ, בא לפני הקב"ה

די תשובה זאָגט ער, אויף דעם חטא הידוע איז דאָך עַד הַקֵּץ, אַז מ'זאָל האָבן מסירת נפש ביז מ'קומט צום קֵץ, אַזוי זאָגט ער לפי דרכו, ווען ס'וועט צוריק קומען די אַלע עולמות ס'וועט זיין דער תיקון בשלימות, לעתיד וועט אַלעס פאַרראָכטן ווערן. איבערדעם זאָגט ער "קֵץ" כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי, האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, - אין פרשת נח שטייט עס אין דברי חיים - קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי [עכ"ד הק' בדברי חיים].

היוצא לנו מזה, אַז דער תיקון אויף דעם חטא איז נאָר מסירת נפש, מ'זאָל דינען דעם באַשעפער מיט מסירת נפש.

KolSatmar.com

## לא

## על ידי מסירת נפש נעשה הכפרה של "יום המיתה" אפילו בחיים

**ס'איז צו פאַרשטיין על פי פשוט, קאָן מען זאָגן אַ הסבר פשוט אויך.**

בד' חילוקי כפרה מצינו שמיתה מכפרת על כל העבירות

לעולם דאָס וואָס ס'שטייט ס'נוצט נישט קיין תשובה, לכאורה איז דאָך שווער צו פאַרשטיין, די גמרא זאָגט (יומא פו.) ד' חילוקי כפרה, און דאָס הארבסטע איז ביי חילול ה', איז תשובה תולה יום כיפור און יסורים, ביז צום יום המיתה, אִם יְכֻפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד תְּמֻתוּן (ישעי' כב, יד), אָבער דאָס איז שוין דאָס גרעסטע. יום המיתה איז שוין אויף אַלעמען מכפר, אַז מ'האָט געטוהן תשובה, איז דער יום המיתה מכפר אויף אַלעמען, ס'איז גאָרנישט פאַרהאַנדן אַ זאַך וואָס נישט, ווען ס'העט געווען געווען אַ זאַך וואָס נישט, העט ער דאָך עס געווען גערעכנט, ס'איז נישטאָ נאָך אַ זאַך וואָס ס'נוצט נישט, וואָס ניטאַמאָל דער יום המיתה [מכפר], זעט דאָך אויס אַז דער יום המיתה איז מכפר.

## לב

מ"ש הזוהר הקדוש דלא מהני תשובה היינו "בחיים", והתשובה מכפר לאחר הפטירה

דעס קען זיין אפשר, דאָס וואָס דער זוהר הקדוש זאָגט אַז ס'העלפט נישט, מיינט ער ווילאַנג מ'איז "בחיים", קומט מען נישט צו צו אַזאַ תיקון, ס'איז די בחינה פון חילול ה' ווילאַנג מ'איז בחיים.

אָבער אַז מ'טוט טאַקע תשובה שלימה, על כל פנים דערנאָך אויף שפעטער, לאחר פטירתו, קאָן מען אַרויפקומען זכאי מיט'ן כח התשובה.

## לג

איתא בזוהר הקדוש: דמי שמקבל עליו מסירת נפש, נחשב לכפרת עוונות כיום המיתה

ממילא דאָס וואָס דער יום המיתה איז מְכַפֵּר, שטייט דאָך אויך אין **זוהר הקדוש**, אַז מ'איז אויף זיך מקבל מסירת נפש באמת פאַר'ן בורא כל עולמים איז נִתְחַשֵּׁב לֵיהּ כְּאִלּוּ אִתְפְּטַר[ט], אפילו חלילה די אַלע [שאין מתכפרים עד] יום המיתה, וואָס ס'איז הערשט דעמאָלט מכפר.

## לד

מסירת נפש, היינו שעובד השי"ת יותר מטבעו

**אָבער דער איד וואָס ער איז מוכן ומזומן פאַר'ן כבוד שמים, ער איז מוכן ומזומן, ער דינט דעם באַשעפער, ער שטאַרקט זיך איבער כנגד טבעו, יותר וויפיל דאָס טבעיות איז.**

אַזאַ שטייגער, אַ בחינה, ווי ס'שטייט (שבת פג:) אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה, לכאורה מעג מען זיך דען ממית זיין, [והלא כתיב] וָחַי בָּהֶם (ויקרא יח, ה) ולא שימות בהם (יומא פה:)? נאָר וואָס'זשע דען, אַז די עבודה איז אויף דער בחינה אַז מ'איז באַרייט [=מוכן ומזומן] אויף אַלעמען, מ'טוט נאָר

[ט] זוהר הק' (במדבר קכא.) וְיֶחֱזֵי בַּר נָשׁ גַּרְמֵיהּ כְּאִילּוּ פָּטִיר מִן עָלְמָא וכו', וְהָא קָא מַשְׁמַע לָן, דְּרָזָא דְּמִלָּה דְּאִית חוֹבִין דְּלָא מִתְכַּפְּרָן, עַד דְּאִתְפְּטַר בַּר נָשׁ מֵעָלְמָא, הֲדָא הוּא דִכְתִיב, (ישעיה כב) אִם יְכוּפַּר הֶעָוֹן הַזֶּה לָכֶם עַד תְּמוּתוּן, וְהַאי יָהִיב גַּרְמֵיהּ וַדַּאי לְמוֹתָא, וּמָסִיר נַפְשֵׁיהּ וכו' כְּמַאן דְּאִתְפְּטָר מִן עָלְמָא וַדַּאי. וְתִקּוּנָא דָא בָּעֵי בְּכַוָּונָא דְלִבָּא, וּכְדֵין קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא מְרַחֵם עֲלוֹי, וּמְכַפֵּר לֵיהּ לְחוֹבֵיהּ.

KolSatmar.com

נישט ווייל השי״ת הייסט ״נישט״, וחי בהם ולא שימות בהם, איז מען מקיים ווייל די תורה הקדושה זאָגט אַזוי, אָבער מ׳איז מוכן ומזומן [להמית עצמו עליה].

אַזוי ווי מ׳האָט געזען פריער ביי צדיקים אמיתיים זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף אַ נקודה פון אידישקייט, פאַר אַ נקודה פאַר׳ן **כבוד שמים האָבן זיי געהאַט באמת מסירת נפש.**

אַז מ׳האָט די זכיה מ׳איז זיך מוסר נפש פאַר׳ן בורא כל עולמים איז דאָך שוין אִיתְחַשִׁיב לֵיה [כְּמַאן דְּאִתְפְּטַר מִן עָלְמָא].

דער **טאַטע** זכרונו לברכה פלעגט עס אייביג צו זאָגן פאַר כל נדרי, פונעם **זיידן.**

הייסט דאָך שוין איתחשב ליה, ממילא איז דאָך עס מכפר אויף דעם אַלעמען וואָס דער יום המיתה [מכפר], ס׳איז איתחשב ווי גלייך ס׳העט שוין געווען.

[וכן מצינו בקרבן פסח] **וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ** (בא יב, כח). **זאָגט רש״י,** [וכי כבר עשו והלא מראש חודש נאמר להם, אלא] **משקבלו עליהם נחשב עליהם כאילו עשו.**

## לה

״מה יעביד איניש ויחיה״ בלי עונשים. ״ימית עצמו״ יקבל עליו מסירת נפש, ויתכפר הכל

**איבערדעם** [יש לפרש הגמרא] **הרוצה שיחיה, ימית עצמו**[י] (תמיד לב.).

## לו

עשו הרשע לא רצה למסור את נפשו, ולזה לא רצה הבכורה

איך האָב געזאָגט, דאָס איז דער פשט וואָס עשו האָט געזאָגט (תולדות כה, לב) **הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת וְלָמָּה זֶּה לִי בְּכֹרָה,** וואָס הייסט הוֹלֵךְ לָמוּת, אפילו ס׳איז דאָ כמה אזהרות און עונשין[יא], מ׳קאָן דאָך נזהר זיין.

נאָר דער פשט איז, אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. אַז מ׳וויל דינען דעם באַשעפער באמת, מוז מען זיין באַרייט אויף מסירת נפש, ממילא אַז אין מתקיימת אלא במי שממית עליה, האָט ער געזאָגט הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ ״לָמוּת״, אַזאַ זאַך וואָס מ׳ברויך עס אויסצוקומען אַזוי ווייט. וְלָמָּה זֶּה לִי בְּכֹרָה, וואָס ברויך ער דאָס. ער האָט נישט געוואָלט זיין ביי דער בכורה ער זאָל זיין ביי דער בחינה במי שממית עצמו עליה.

## לז

תוכן הדברים מיט דעם כח מיט מסירת נפש קאָן מען מתקן זיין אַלעס. אַז מ׳האָט די זכיה מ׳זאָל דינען דעם באַשעפער מיט מסירת נפש.

דער אמת, וויאַזוי מ׳זעט אין די דורות, אַלעס, מיט אַלעמען, מוז מען קעמפן, די גרויסע קאַמפן וואָס מ׳מוז, קעגן זיך, אַקעגן טבעיות, און קעגן דער וועלט, בכל רגע ורגע האָט מען צו קעמפן, מיט מחשבות, מיט דיבורים, מיט

---

[י] בדברי יואל יתרו (עז). בגמרא איתא שזה אחד מעשרה דברים ששאל אלכסנדר מוקדון מזקני הנגב, ״מה יעביד איניש ויחיה״, אמרו ליה ״ימית עצמו״. ולדרכינו הכוונה ימית את עצמו, שימסור נפשו למיתה בכוונה אמיתית וכו׳, ומעתה יחי׳ ולא יצטרך לעונש בשביל כפרת עונותיו.

[יא] כפרש״י. אמר עשו מה טיבה של עבודה זו, אמר לו כמה אזהרות ועונשין ומיתות תלוין בה, כאותה ששנינו אלו הן שבמיתה שתויי יין, ופרועי ראש. אמר אני הולך למות על ידה, אם כן מה חפץ לי בה.

KolSatmar.com

מעשים, און אפילו מיט׳ן רצון און מיט דער דיעה, ביי יעדע זאַך מוז מען צו נוצן מסירת נפש ממש.

ממילא מיט מסירת נפש דאָס קאָן זיין די עצה ס׳זאָל זיין אַ תיקון אויפ׳ן חטא הידוע.

לח

# ביאורים בפרשת השבוע

### יתרו היה בין יועצי פרעה והיה עליו חטא הידוע, ונעשה צדיק גמור

מיט דעם קען זיין. לעולם יתרו אין די אינגע יאָרן [לא היו כהוגן].

א. ער איז דאָך געווען פון די יועצי פרעה (סוטה יא:).

ב. לא הניח עבודה זרה שלא עָבְדָה (מכילתא יתרו א, יב).

– ער איז געווען פון די יועצים מ׳זאָל מְשַׁעְבֵּד זיין מיט אידן.

ג. אפילו משה רבינו׳ן שטייט דאָך אויכעט, זאָגט דאָך אויך דער מדרש (ילקוט שמות, רמז קסח) ער [יתרו] האָט אים געהאַלטן אין תפיסה, קודם האָט ער אים איינגעשפאַרט.

ער איז דאָך הערשט דערנאָך געוואָרן אַזאַ בעל תשובה גמור.

ממילא קאָן מען דאָך פאַרשטיין האָט ער דאָך געהאַט אויף זיך אַלדינגס, הערשט לְעֵת זִקְנָתוֹ [עשה תשובה].

ער איז דאָך געווען פון די יועצי פרעה [לשעבד את ישראל, דאָס] איז דאָך געווען מיט וויפיל יאָר פריער. זענען געווען משועבד פ״ו שנה[יב]. ער האָט דאָך הערשט שפעטער זיך מגייר געווען.

ד. ממילא האָט ער דאָך אויף זיך געהאַט דעם חטא הידוע אויכעט, פונעם דור המבול, אַז ער איז מיט אים אינאיינעם מיטגעאַרבעט.

[ונעשה בעל תשובה גמור, עד שמצינו] בלעם האָט געזאָגט[יג] אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ [פרש״י עמי היית בעצה, און היצט פלוצים ביסטו אַזוי ווייט געגאַנגען, דו האָסט דיך אַזוי גוט באַפעסטיגט [וְשִׂים בַּסֶּלַע קִנֶּךָ].

פון דעם זעט מען וואָס פאַר אַ כח ווי ווייט מ׳קאָן גיין מיט תשובה.

אַזוי זאָגן חכמינו ז״ל (סנהדרין קו. שמו״ר כז, ג) אַז ער האָט געזאָגט אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ, בלעם אַליין האָט זיך געוואונדערט, ביזסט מיט מיר געווען בעצה אחת, און דו האָסט אַזוי זוכה געווען, ער האָט זוכה געווען, זָכָה וְיָשְׁבוּ בָנָיו בְּלִשְׁכַּת הַגָּזִית, ער האָט זוכה געווען צו אַזאַ זכיה אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ וְשִׂים בַּסֶּלַע קִנֶּךָ.

---

[יב] שהשעבוד התחילה משעה שנולדה מרים, כדאיתא במדרשים ובהקדמה למגילת תענית. ובסדר עולם רבא (פ״ג) כתב שלכן נקראת ״מרים״ על שם ״וימררו״ את חייהם. ומשה רבינו נולד שש שנים לאחר זה, ובשעה שדיבר אל פרעה היה בן שמונים שנה, נמצא שפ״ו שנים היה השיעבוד.

[יג] פירש״י. אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ. תמה אני מהיכן זכית לכך, הלא אתה עמי היית בעצת הבה נתחכמה לו, ועתה נתישבת באיתן ומעוז של ישראל (במדבר כד, כא).

KolSatmar.com

**לט**

ענין מצות מילה בשלימות, להחליש כח התאוה, ושלא לפגום

איבערדעם טאַקע, ס'שטייט דאָך, מצות מילה, שטייט אין חכמינו ז"ל (עירובין יט.) הפוגם בבריתו איז משוך בערלתו, תיקון הברית בשלימות פון דער ערלה, איז אַז מ'איז נישט פוגם און מ'איז מְתַקֵּן.

דאָס פשטות, מוז מען אָפּשניידן די ערלה [לקיים המצוה].

דאָס אַליין, זאָגט דאָך אויך דער רמב"ם (מורה נבוכים ח"ג, מט) איז להחליש כח התאוה, אָבער עקסטער דעם איז, אַז מ'דאַרף נישט פוגם זיין שפּעטער.

**מ**

**אופן א: בביאור קושיא יג**

יתרו היה בעל השגה והבין שצריך לקבל עליו "מסירת נפש" כדי לתקן מה שפגם

איבערדעם קען זיין אַז יתרו איז זיך געגאַנגען דאָ מַלֶ'ע זיין, ער האָט דאָך שוין פאַרשטאַנען.

ער איז געווען אַ גרויסער בעל השגה.

א. ער האָט דאָך מוסיף געווען אַ פרשה אין די תורה, וְאַתָּה תֶחֱזֶה.

ב. משה רבינו האָט אים געזאָגט, [וְהָיִיתָ לָּנוּ לְעֵינָיִם] כל דבר שיתעלם מעינינו תהא מאיר עינינו (ילקוט שמעוני רמז תשכו, ומובא ברש"י בהעלותך י, לא).

ער איז דאָך געווען אַ גרויסער בעל השגה האָט ער דאָך געוואוסט, ער גייט דאָ מקיים זיין מצות מילה, אָבער וויאַזוי וועט ער פאַררעכטן וואָס ער האָט פוגם בבריתו געווען, מיט וואָס וועט ער דאָס פאַררעכטן.

האָט ער דאָך פאַרשטאַנען אַז ער מוז האָבן 'מסירת נפש', ער זאָל זיך אונטערוואַרפן אונטער מסירת נפש, ער האָט זיך מגייר געווען מקבל געווען כל התורה כולה מיט מסירת נפש.

דאָס ווערט אָנגערופן חֶרֶב חַדָּה.

**מא**

וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ שהעביר "חרב" חדה על "בשרו", היינו שקבל על עצמו מסירת נפש

דאָס איז דער פשט. וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ, ער האָט זיך מַלֶ'ע געווען, ער האָט געוואָלט מתקן זיין תיקון הברית אינאיינוועגס, ס'איז דאָך צוזאַמען, דאָס האָט דאָך אַ שייכות מיט מצות מילה, האָט ער געוואוסט מיט דעם.

דאָס איז דער פשט העביר "חרב חדה", מיינט מען נישט דוקא דעם סכין מיט וואָס ער האָט אָפּגעשניטן די ערלה בגשמיות.

נאָר בדרך כלל האָבן זיי דאָ מרמז געווען חכמינו ז"ל, ס'שטייט חרב חדה שטייט נישט על מילתו ועל ערלתו [נאָר] "על בשרו", לִבִּי וּבְשָׂרִי יְרַנְּנוּ אֶל קֵל חָי (תהלים פד, ג), אינגאַנצן אויף זיך, ער האָט זיך מפקיר געווען פאַר'ן בורא כל עולמים, ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן אפילו אונטער אַ חרב חדה פאַר'ן כבוד שמים, אַלדינגס וואָס מ'ברויך צו טאָן פאַר עבודת הבורא ברוך הוא.

איבערדעם זאָגט עס די גמרא מיט אַזאַ לשון, נישט נאָר אַ סכין, סכין מילה, אָפּשניידן די ערלה בפועל, איבערדעם חכמינו ז"ל רופן עס אָן מיט דעם לשון,

KolSatmar.com

ער איז געקומען צו דער מדריגה העביר חרב חדה על בשרו, ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער חרב בא לעולם, וואָס ס׳וועט זיך טאָן אויף דער וועלט, וועט ער דבוק זיין אין באַשעפער, ער וועט זיך נישט אָפּרייסן פון דער תורה הקדושה.

דאָס איז דער תיקון אויף דעם חטא הידוע אויכעט.

מב

דאָס איז דער אמת.

אין דעם דור, אַז מ׳וויל דינען דעם באַשעפער באמת, מוז מען טאַקע האָבן מסירת נפש ! ממילא מיט דעם קאָן מען פאַררעכטן.

דער אמת איז, מ׳זעט דאָך וויאַזוי מ׳זעט אויס אין דעם דור, אין דעם שפלות הדור, מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי (ע״פ משלי כ, ט), ווער איז דען ביי זיך אַזוי פאַרטיג, אַזוי ריין, אַז מ׳האָט נישט פוגם געווען.

איבערדעם איז דאָס די עצה, דאָס איז די עצה מ׳זאָל זיין גרייט, מוכן ומזומן, מוכן ומזומן מ׳זאָל נישט חלילה אַוועק פון דער אמונה, ס׳זאָל זיין וואָס אימער.

און דער אמת איז, אַז מ׳באַגעגנט היינט אַזעלכע ענינים וואָס ס׳רירט אָן אין די עיקרי אמונה, בדרך כלל דער גאַנצער קיום התורה און דער גאַנצער מצב, און ווער ווייסט דען נאָך וואָס ס׳קאָן נאָך פאַריבער גיין ביז ביאת המשיח, אין די לעצטע דורות שווערע צייטן, ווער ווייסט.

השי״ת ירחם:
אַז מ׳זאָל שוין נישט וויסן פון קיין שלעכטס.
זאָל מיר זוכה זיין צו ביאת המשיח מתוך נחת ושמחה.
מ׳זאָל מיר ניצול ווערן מכל גזירות קשות ורעות.
אָבער ווער ווייסט דען נאָך וואָסערע נסיונות ס׳וועט פאַריבער גיין ?
ברויך מען זיין מוכן ומזומן, וויאַזוי השי״ת וועט פירן.
וועט מען זיך נישט אָפּרייסן פון דער אמונה !
און פון קיום התורה הקדושה !

מג

מה שאדם עושה כנגד טבעו, זהו בחינה של מסירת נפש

דער אמת איז, אַז וואָס אַ מענטש טוט כְּנֶגֶד טִבְעוֹ, איז אַ בחינה פון מסירת נפש.

דאָס איז דער אמת, אַז מ׳איז גרייט אויף מסירת נפש איז נישטאָ קיין שווערע זאַך !

אַלדינגס וואָס ס׳דאַכט זיך ס׳איז שווער און מ׳קען זיך נישט גובר זיין על יצרו, אַז מ׳האָט אָבער אינזין וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ, אַז מ׳איז גרייט אויף מסירת נפש, איז דאָך נישט פאַרהאַנדן קיין שווערע זאַך.

KolSatmar.com

ממילא קומט מען אַלץ דורך, און דער בורא כל עולמים העלפט, מ׳קאָן דינען דעם באַשעפער ״בחיים״ מיט חיי נחת ותקוה.

איבערדעם איז דאָס די בחינה, איבערדעם זאָגט ער דאָ ביי יתרו׳ן, איבערדעם רופט ער אָן די מצוה אַ בחינה ״חרב חדה״.

מד

**אופן ב: בביאור קושיא יג (בדרך פשטות)**

יתרו היה זקן, ועצם המילה היה ״מסירת נפש״ ממש

אין פשטות, על פי פשטות קען אויך זיין [דאצלו היה מצות מילה מסירת נפש]:

[וכדמצינו] ס׳שטייט ביי ענר אשכול וממרא, אברהם אבינו האָט זיך גערעדט מיט זיי, האָט אים אשכול געזאָגט דו ביסט אַ זקן איז עס אַ סכנה, ער איז געווען בן מאה שנה (תנחומא וירא סימן ג).

ווי ס׳זעט אויס דעם חשבון פון יתרו׳ן, זעט אויס ער איז נאָך עלטער געווען [ממאה שנה].

על כל פנים ביי אַזאַ זקן איז דאָס אַליין שוין אַ מסירת נפש אַז ער האָט זיך אונטערוואָרפן אונטער אַ חרב חדה דעם גאַנצן גוף, וואָס ס׳איז אַ סכנה געווען אין די יאָרן, פונדעסטוועגן ער איז געווען אַ גר צדק און ער האָט דאָס אויך מקבל געווען.

אָבער אין דעם איז נכלל אַלעס - אַזוי ווי כ׳האָב פריער געזאָגט - אין דעם וואָס ער זאָגט דאָ העביר חרב חדה.

מה

**הקדמה לביאור קושיא י**

דאָס וואָס ער זאָגט, שהיה מיצר ודואג על איבוד מצרים, קען מען זאָגן אפשר.

בכל מקום שנמצאים בגלות צריך לעקור מעצמו קליפת אותו האומה

לעולם איז דאָך דער כלל, דער אמת איז דאָך וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם (תהלים קו, לה).

ווי דער **מאור ושמש** זאָגט (פרשת מסעי) אין וועלכע אומה [ביי וועמען] **אידן זענען אין גלות, ווערט מען עפּעס געכאַפּט, ווערט יעדער מיט עפּעס געכאַפּט פון דער קליפה וואָס די אומה איז, די אַלע זענען דאָך בשורשם פון די קְלִפּוֹת הַטֻּמְאוֹת, ווערט מען געכאַפּט עפּעס פונעם שורש פון דער אומה.**

**ברויך מען צו האָרעווען אַז מ׳זאָל דאָס עוקר זיין, מ׳זאָל נישט געכאַפּט זיין.** אַזוי ווען אידן זענען געווען אין מצרים וַיִּתְעָרְבוּ בַגּוֹיִם וַיִּלְמְדוּ מַעֲשֵׂיהֶם, כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם האָט מען אָנגעזאָגט לֹא תַעֲשׂוּ, ווייל אידן זענען געקומען פון דאָרט.

מו

הפסוק כָּל הַמַּחֲלָה צ״ב, דאם אין מַחֲלָה למה צריך רפואה, ולמה דוקא מַחֲלָה של מצרים?

מיט דעם האָב איך געזאָגט קאָן זיין דער פשט איז, כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי ה׳ רֹפְאֶךָ (בשלח טו, כו).

KolSatmar.com

דאַרף מען דאָך פאַרשטיין דעם פסוק, אַז ס׳איז נישט דאָ קיין מַחֲלָה דאַרף מען דאָך נישט קיין רפואה?

און וואָס עפּעס כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי ״בְמִצְרַיִם״, און אַן אַנדערע מַחֲלָה יאָ? [ועדיף] אַז מ׳זאָגט סתם ׳לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ שׁוּם מַחֲלָה׳, קיין שום מַחֲלָה נישט, פאַרוואָס גראָד פון ״מצרים״.

**מז**

כָּל הַמַּחֲלָה היינו המכות, אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לעקור המדות רעות, לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ, כִּי אֲנִי ה׳ רֹפְאֶךָ בכח התורה

נאָר וואָס׳זשע דען, אידן זענען געווען אין מצרים, אין די אַלע מדות פון די מצריים זענען זיי דאָך עפּעס געווען געכאַפּט, נאָר זיי האָבן תשובה געטוהן, זיי האָבן זיך באַרעכנט, זענען געווען צובראָכן ביי זיך, זיי האָבן געזען דעם עונש וואָס די מצריים האָבן געהאַט אויף די אַלע עבירות זייערע, האָבן זיי מורא געהאַט פאַר זיך אויכעט, זיי האָבן דאָך אויך עפּעס דערפון.

לתקן שורשי החטא שבבנ״י אין צריכים לעונשים, ויכולים לרפאותם ע״י כח התורה הקדושה

האט דער בורא כל עולמים געזאָגט, מיט ענק וועל איך נישט אַזוי טאָן, די מצריים האָבן געהאַט די אַלע מַכּוֹת פאַר זייערע עֲוֹנוֹת, אָבער עטץ כאָטש עטץ זענט אויך עפּעס געווען געכאַפּט דערפון, עטץ האָטס אויך אַ חלק פון די עונות און מ׳ברויך דאָס צו פאַררעכטן.

ענק האָב איך אָבער געגעבן אַ רפואה די תורה הקדושה, די תורה הקדושה זאָל ענק היילן. אַז מ׳איז דבוק אין די תורה הקדושה מיט מסירת נפש ווערט מען אויסגעהיילט פון דעם שורש פון די מדות רעות אָן מַכּוֹת און אָן יסורים.

איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט כָּל הַמַּחֲלָה אֲשֶׁר שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא אָשִׂים עָלֶיךָ, כאָטשיג די מצריים האָב איך דאָס נישט געקענט אויסוואָרצלען נאָר מיט די עונשים קשים, אָבער פאַר ענק מוז דאָס נישט זיין, פאַרוואָס כִּי אֲנִי ה׳ רֹפְאֶךָ.

ווי דער מדרש זאָגט[יד] (תנחומא יתרו ס״ח) די תורה וואָס כ׳האָב ענק געגעבן איז רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ (משלי ג, ח), דאָס וועט ענק אויסהיילן פון די שורשי רעות פון די שלעכטע מדות אָן אַ מחלה.

**מח**

**ביאור קושיא י**

יתרו היה מיצר ודואג על עצמו מחמת עונשים של איבוד מצרים, מפני שהיה בעצה עמהם

איבערדעם איז דער פשט קען זיין, נעשה בשרו חידודין שהיה מיצר ודואג ׳על׳ איבוד [מצרים].

איבעראָל וואו ס׳שטייט ״עַל״ געפינט מען אַסאַך מאָל [שהכוונה] בשבילי, [כמון] אֲשֶׁר דִּבֶּר עָלַי ועליך[טו].

---

[יד] **במכילתא** (בשלח, ויסע פרשה א) כל המחלה אשר שמתי במצרים וגו׳ ומה תלמוד לומר כי אני ה׳ רופאך, אמר לו הקב״ה למשה, אמור להם לישראל, דברי תורה שנתתי לכם רפואה הם לכם, חיים הם לכם, שנאמר (משלי ד, כב) כִּי חַיִּים הֵם לְמֹצְאֵיהֶם וּלְכָל בְּשָׂרוֹ מַרְפֵּא, ואומר רִפְאוּת תְּהִי לְשָׁרֶּךָ וְשִׁקּוּי לְעַצְמוֹתֶיךָ.

[טו] **ברש״י** (בראשית כד, ז) וַאֲשֶׁר דִּבֶּר לִי. לצרכי, כמו (מלכים א׳ ב) אֲשֶׁר דִּבֶּר עָלַי, וכן כל ׳לי׳ ו׳לו׳ ו׳להם׳ הסמוכים אצל דבור מפורשים בלשון ׳על׳.

KolSatmar.com

'וועגן' איבוד מצרים האָט ער געזען ווי ווייט הקב"ה איז מקפיד אויף די חטאים האָט ער מורא געהאַט. איז ער געווען צובראָכן ביי זיך וואָס וועט מיט אים זיין, ער האָט זיך געזאָרגט אויף זיינע עֲוֹנוֹת פון די יוגנט וואָס ער האָט מיטגעהאַלטן מיט די מצריים. ער איז דאָך מיטגעוועזן אין די אַלע זאַכן, האָט ער דאָך געזען אַז הקב"ה איז נישט מְוַתֵּר. האָט ער געזען דעם איבוד מצרים, האָט ער מורא געהאַט פאַר זיך. דאָס איז ער געווען מיצר ודואג.

אָבער נישט חלילה, - נישט אויף די מצריים - נישט וועגן די מצריים. ער האָט דאָך געוואוסט מְשַׂנְאֶיךָ ה' אֶשְׂנָא. ער איז שוין געווען ביי דער בחינה, ער האָט דאָך אָבער געוואוסט ער איז אָבער אויך באַטייליגט אין דעם. האָט ער פאַר זיך מורא געהאַט.

איבערדעם איז ער געווען "מיצר ודואג".

### נ

הרה"ק מלובלין אמר להרה"ק בעל ישמח משה, שלהיות מיצר ודואג על החורבן ולהיות בשמחה אינו סתירה

[ויש לפרש על פי] ס'איז ידוע, אַז דער זיידע דער **ישמח משה** ווען ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל קיין לובלין איז דאָך דאָס געווען. ער האָט אינזין געהאַט [הלא איתא בשו"ע (או"ח סימן א')] ס'איז דאָך ראוי לכל ירא שמים להיות מיצר ודואג אויפ'ן חורבן. און ער האָט דאָס געזען אַז חסידים זענען בשמחה, ער האָט געוואָלט אַז דער **הייליגער לובלינער** ווען ער וועט אָנקומען דאָס ערשטע מאָל זאָל ער אים דאָס פאַרענטפערן.

ער האָט אַזוי אינזין געהאַט, איי ווי קומט עס [שהצדיק יסייע לון]? נאָר הבא לטהר מסייעין אותו. ס'איז דאָך ידוע וואָס ער האָט געזאָגט. ס'שטייט נישט "מסייע" נאָר "מסייעין" ווייל צדיקים דאַרפן מיטהעלפן.

און ווען ער איז אָנגעקומען צום לובלינער האָט אים דער הייליגער לובלינער דאָס געזאָגט תיכף ביים שלום עליכם וואָס עפּעס ער זעט שלעכט אויס. זאָגט ער, מ'דאַרף טאַקע זיין מיצר ודואג אויפ'ן חורבן פונדעסטוועגן אַלעס בשמחה, האָט דער לובלינער געזאָגט **"אונז פאַרגיס מיר אויך ביי די נאַכט בָּאבְּן טרערן אויפ'ן חורבן, אָבער אַלעס מיט שמחה"**.

ער האָט אים אויסגערעכנט וואָס ער האָט אינזין געהאַט, דעם הבא לטהר מסייעין אותו, די גאַנצע מחשבה וואָס ער האָט געהאַט האָט ער אים אַלעס נאָכגעזאָגט.

### נא

דער **ייטב פנים** (מאמר יפה עינים, אות יח) טייטשט מיט דעם, שִׂישׂוּ אִתָּהּ מָשׂוֹשׂ כָּל הַמִּתְאַבְּלִים עָלֶיהָ (ישעי' סו, י), טאַקע בשעת אֵבֶל איז אויך מָשׂוֹשׂ.

### נב

איבערדעם, ס'שטייט דאָך, דוד המלך האָט געזאָגט לְךָ לְבַדְּךָ חָטָאתִי. דאָס גאַנצע קאַפּיטל נ"א איז דאָך וידוי אויף די חטאים, און לאָזט אויס הָשִׁיבָה לִּי "שְׂשׂוֹן" יִשְׁעֶךָ.

דער אמת איז טאַקע, מ'זאָל האָבן [אַלעס בשמחה].

KolSatmar.com

### נג
כשמרגיש צער על החטא, מזה עצמו יכול לשמוח על השמחה שלעתיד

ס׳שטייט דאָך אַזוי, יעדער בעל תשובה ברויך צו זיין דאָס ערשטע גרויס הִתְמַרְמְרוּת, ער זאָל האָבן אַ צובראָכן האַרץ ס׳זאָל אים ווי טאָן אויף די עֲוֹנוֹת. וויאַזוי קען ער זיין בשמחה? [והלא כתיב] עִבְדוּ אֶת ה׳ בְּשִׂמְחָה (תהלים ק, ב).

נאָר וואָס׳זשע דען. דאָס אַליין ווידערראום אַז מ׳קוקט זיך אָן מ׳איז אַזוי צובראָכן, דאָס אַליין איז דאָך אַ סימן אַז ס׳איז עפּעס נאָך דאָ אַ ניצוץ הקדוש, איבערהויפּט מ׳איז זיך מתקבל אויף להלן, פרייט מען זיך מיט דער שמחה פון לעתיד.

ווי דער של״ה הקדוש זאָגט, (פ׳ בשלח, לפרש המדרש) עתידין ישראל שיאמרו שירה ״לעתיד לבא״ (שמו״ר כג, ו). [דהכוונה שיאמרו שירה על הישועה העתידה לבוא, אף על פי שעדיין לא באה].

דאָס אַליין, אַז מ׳איז על כל פנים מרגיש נאָך דעם חטא, ווי דער ישמח משה זאָגט, ס׳קאָן זיין ביידע אינאיינעם, איבערדעם איז דאָ שמחה.

### נד
### ביאור קושיא יב
שהפשט והדרש אינם מחולקים

מיט דעם קאָן מען פאַרשטיין די צוויי מאן דאומרים. דער פְּשַׁט מיט׳ן דְּרַשׁ זענען נישט מחולק.

ביתרו היו ב׳ בחינות ביחד, שהצטער על מה שהי׳ חלקו במצרים, ושמח על הטובה שעשה ה׳ לישראל

וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ. ס׳איז נעשה בשרו חידודין חידודין, ער איז געווען זייער צובראָכן.

אָבער אף על פי כן [וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ כפשוטו], האָט ער אָבער געהאַט גרויס ״שמחה״ אַז ער באַרעכנט זיך היצטערט על כל פנים. וואָס העט ער געווען געטוהן חלילה [בלי התשובה].

ער האָט געזען, ער איז אַזוי געווען פריער, און פונדעסטוועגן זעט ער היצט איין ווי נישט גוט ס׳איז. און ער האָט זיך מקבל געווען מסירת נפש פאַר׳ן באַשעפער. פון דעם אַליין האָט ער געהאַט גרויס שמחה ווידעראום.

ס׳איז געווען ביידע אינאיינעם.

איבערדעם איז וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ ״עַל כָּל הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ לְיִשְׂרָאֵל״ ער האָט געזען כָּל הַטּוֹבָה האָט ער זיך מדבק געווען אין זרע ישראל.

די חידודין חידודין איז אויך עַל כָּל הַטּוֹבָה, ער האָט געזען דעם חילוק [בין איבוד מצרים וטובת ישראל].

ס׳האָט אים ווי געטוהן פאַרוואָס ער איז פריער געגאַנגען מיט די מצריים, ער האָט געזען וואָס דער חילוק איז, הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ לְיִשְׂרָאֵל.

טאַקע דאָס אַליין איז אויך נישט קיין סתירה אינעם פסוק, ווייל דער פשט איז חידודין חידודין אויף ״זיך״.

KolSatmar.com

ס׳האָט אים ווײ געטוהן פאַרוואָס ער איז מיטגעגאַנגען [עם המצריים]. דורכ׳ן ״איבוד מצרים״ האָט ער געזען ווי האַרב ס׳איז.

און פון ״הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה ה׳ לְיִשְׂרָאֵל״ האָט ער געזען ווי גוט ס׳איז אַז מ׳טוט נישט אַזוי כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם.

דורך די ביידע זאַכן איז געוואָרן בשרו חידודין חידודין.

ער איז געווען מיצר ודואג, און ״וַיִּחַדְּ״, שמחה, ביידע איז אמת.

און דער העביר חרב חדה, וואָס ער איז איינגעגאַנגען אויף מסירת נפש, איז אויכעט איינס.

## נה
### הקדמה לביאור קושיא ט
#### הפשטים על ויחד יתרו שאמרו רב ושמואל, אלו ואלו דברי אלקים חיים, והא בהא תליא

און די אַלע פשטים זענען הא בהא תליא, אלו ואלו דברי אלקים חיים, נאָר יעדער זאָגט כפי שורש נשמתו.

מ׳האָט יעדן אָפּגעגעבן זיין חלק תורה, אַזוי ווי ס׳שטייט[טז] דער בורא כל עולמים האָט יעדן געגעבן און ס׳קאָן נאָר דורך אים נתגלה ווערן נישט דורך אַן אַנדערן.

אָבער דאָס איז נישט קיין סתירה, ס׳איז אלו ואלו דברי אלקים חיים, ווי רש״י זאָגט (כתובות נז. ד״ה הא קמ״ל) יעדעס האָט אַמאָל פלאַץ.

דורך דעם איז געווען העביר חרב חדה, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט פשט אַז ער האָט געהאַט מסירת נפש. דורך דעם ווייל ער איז געווען אַזוי מיצר ודואג אויף די פריערדיגע מעשים. און ער האָט געהאַט שמחה, אַז ער האָט זיך מדבק געווען אין כלל ישראל.

האָט ער געזען ס׳איז נישטאָ קיין אַנדערע עצה נאָר מיט מסירת נפש ממש, איז דאָס ביידע איינס, איז ער אַריינגעגאַנגען אונטער אַ חרב חדה. - איבערדעם זענען די אַלע פשטים זענען הא בהא תליא.

## נו
### הקדמה לביאור קושיא יא

און דאָס וואָס ס׳שטייט גִּיּוֹרָא עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי, לָא תִבְזֶה אַרְמָאִי בְּאַפֵּיהּ, איז אויך די זעלבע בחינה.

די **בעלי התוספות** זאָגט דאָך[יז] [דהמאמר] ביז עֲשָׂרָה דָּרֵי האָט אַ מקור.

---

[טז] **במדרש רבה** (יתרו כח, ו) וז״ל, אמר רבי יצחק מה שהנביאים עתידים להתנבאות בכל דור ודור קבלו מהר סיני וכו׳ הנשמות העתידות להבראות וכו׳ אף על פי שלא היו באותה שעה כל אחד ואחד קבל את שלו וכו׳. ולא כל הנביאים בלבד קבלו מסיני נבואתן, אלא אף החכמים העומדים בכל דור ודור כל אחד ואחד קבל את שלו מסיני.

[יז] **בבעלי התוספות**. ויחד, פירש רש״י נעשה בשרו חידודין וגו׳. ואומר רבינו תם, דמצינו סמך מדברי הימים לרש״י, [דכתיב דבה״א ב, לד] וּלְשֵׁשָׁן עֶבֶד ״מִצְרִי״ וּשְׁמוֹ יַרְחָע, וַיִּתֵּן שֵׁשָׁן אֶת בִּתּוֹ לְיַרְחָע עַבְדּוֹ לְאִשָּׁה. ומונה שם י״ג דורות מִיַּרְחָע עֶבֶד שֵׁשָׁן עד אֱלִישָׁמָע. ודורש בפסיקתא זה יִשְׁמָעֵאל בֶּן נְתַנְיָה [בן אֱלִישָׁמָע] שהרג את גדליה בן אחיקם, ולמה נקרא שמו נְתַנְיָה שהיה מן הנתינים, מכאן לגר שחוזר לסורו רע עד עשרה דורות. ושלשה דורות לא קא חשיב, לפי שגר מצרי אינו גר עד שלשה דורות, ומכאן ואילך איכא עשרה דורות.

KolSatmar.com

ווי ער ברענגט אַז די מעשה איז געווען, יִשְׁמָעֵאל ׳בֶּן נְתַנְיָה׳ איז אַרויסגעקומען פון די נתינים, דאָרט איז געווען גאָר דעם פערצנטע דור, און ס׳האָט פון אים אַרויסגעשפּראָצט ער איז געוואָרן אַ רוצח[יח], ווייל ער איז געווען פון די זרע נתינים.

נאָר די ערשטע דריי דורות רעכנט מען נישט, ווייל אַ מצרי רעכנט מען, טאָר דאָך נישט קומען בקהל דריי דורות, אַזוי איז דער חשבון צען דורות. [עד כאן בבעלי התוספות].

**נז**

ומסביר רבינו: בגר עד עשרה דורות יוכל להיות נטמן השורש מאבותיו שהיו בגיותם, ואסור לצערם ולומר להם

וואָרן ביז צען דורות איז נאָכנישט נזדכך געוואָרן די בחינה, ליגט נאָך דער שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה פון די פריערדיגע, פון די עלטערן, פון ווען ער איז געווען בגיותו, ליגט נאָך דער כח און ס׳קאָן חלילה אַרויסקומען, ממילא ליגט דאָך דער כח אין די צען דורות, אַז דער כח ליגט אין אים ממילא איז דאָס אַ גרויס צער.

[ואסור לבזותם] אַזוי ווי מ׳טאָר נישט זאָגן פאַר אַ בעל תשובה **זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים**[יט].

**ס**

**ביאור קושיא ט**

יתרו קיבל על עצמו מסירת נפש, כדי לעקור השורש הרע שהיה בו

מיט דעם קאָן זיין.

דאָס וואָס רב ברענגט אַ ראיה [לשיטתו] ער איז געווען העביר חרב חדה.

[ומפרש] ער איז ארונטער געגאַנגען אונטער אַזאַ מסירת נפש, פאַרוואָס? ווייל גִּיּוֹרָא עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי לָא תִּבְזֶה אַרְמָאִי בְּאַפֵּיהּ, ווייל מ׳דערמאַנט דאָך אים זיין גְּנוּת, האָט ער זיך דאָס באַרעכנט און געפילט, וויאַזוי קאָן ער דאָס אויסוואָרצלען דעם שורש, מוז ער האָבן מסירת בפש ממש. איבערדעם איז געווען העביר חרב חדה [שקיבל על עצמו מסירת נפש].

אויך דער זעלבער טעם, רב ברענגט דאָס אַ ראיה צו זיך, טאַקע צו זיין שיטה.

די גמרא ברענגט עס צום סוף, ווייל ס׳איז אַ ראיה צו שמואל׳ס שיטה אויך, צו שמואל׳ס שיטה, וואָס ער זאָגט שנעשה בשרו חידודין חידודין.

אָבער דער אמת האָט דאָס רב געברענגט טאַקע דאָס פאַר זיך אויך, ער האָט פאַר זיך געברענגט די ראיה.

---

[יח] וַיָּקָם יִשְׁמָעֵאל בֶּן נְתַנְיָה וגו׳ וַיַּכּוּ אֶת גְּדַלְיָהוּ בֶן אֲחִיקָם בֶּן שָׁפָן בַּחֶרֶב וַיָּמֶת אֹתוֹ. (ירמי׳ מא, ב)

[יט] **בגמרא** (בבא מציעא נח:) תנו רבנן וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ (ויקרא כה, יז) באונאת דברים הכתוב מדבר וכו׳. הא כיצד? אם היה בעל תשובה אל יאמר לו זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים, אם היה בן גרים אל יאמר לו זְכוֹר מַעֲשֵׂה אֲבוֹתֶיךָ, אם היה גר ובא ללמוד תורה אל יאמר לו פֶּה שֶׁאָכַל נבילות וטריפות, שקצים ורמשים בא ללמוד תורה שנאמרה מפי הגבורה. אם היו יסורין באין עליו, אם היו חלאים באין עליו, או שהיה מְקַבֵּר את בניו, אל יאמר לו כדרך שאמרו לו חביריו לאיוב הֲלֹא יִרְאָתְךָ כִּסְלָתֶךָ תִּקְוָתְךָ וְתֹם דְּרָכֶיךָ זְכָר נָא מִי הוּא נָקִי אָבָד (איוב ד, ו-ז), ועיי״ש עוד.

KolSatmar.com

איבערדעם איז געווען העביר חרב חדה פאַר דעם זעלבן טעם. ווייל עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי האָט מען זיך צו פאַרכטן חלילה. ס׳קאָן נאָך אַרויסקומען חלילה דער שורש.

דער **רמב״ם** זאָגט (הלכות איס״ב יג, יח) אַז ׳רובם הם חוזרים לסורם׳ ווייל זענען פון אַזאַ שורש.

האָט ער זיך אייביג צו פאַרכטן, איז ער בהאי צערא יתיב טאָר מען אים דאָס נישט זאָגן.

הגר בעצמו צריך לחשוב מזה כל ימיו, אבל אחרים אסורים להזכירו דהוי אונאת דברים

ער אַליין, אַזוי ווי אַ בעל תשובה, דאַרף זיין כל ימיו בתשובה. כאָטש ער האָט תשובה געטוהן, דאַרף ער זיך אַלץ פאַרכטן, דאַרף זיין וְחַטָּאתִי נֶגְדִּי תָמִיד (תהלים נא, ה), **אָבער אַן אַנדערער טאָר אים נישט זאָגן פאַר אַ בעל תשובה זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים, מ׳טאָר נישט מצער זיין, ס׳איז בכלל אונאת דברים.**

איבערדעם איז עַד עֲשָׂרָה דָּרֵי לָא תִּבְזֶה אַרְמָאִי בְּאַפֵּיהּ, ווענגן ״אונאת דברים״. ווייל ס׳ליגט דאָך אין אים אַזאַ שורש ביז צום צענטן דור, וואָס ס׳קאָן חלילה, אַז ער פאַרעכט נישט בשלימות קאָן עס אַרויסקומען, שפירט ער זיך אַלץ [בהאי צערא].

איבערדעם איז דאָס דער זעלבער טעם, און פאַרדעם האָט יתרו געזען אַז ער מוז האָבן מסירת נפש ממש ער זאָל עס אויסוואָרצלען.

**סא**

בכח מסירת נפש להבורא כל עולמים יכולים לתקן הכל

**ווי דער אמת איז, אַז מ׳איז זיך טאַקע באמת מוסר נפש פאַר׳ן בורא כל עולמים פאַרעכט מען אַלעס, דאָס איז דער תיקון פון אַלעמען.**

**ווי כ׳האָב פריער געזאָגט דאָס איז די עצה אין דעם דור השפל דאָס טאַקע איז די עצה.**

וואָס דען קאָן מען טאָן?

דאָס גרויסע התגברות, מ׳האָט נישט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן.

וואָס קאָן מען טאָן, אַ איד אַז ער וויל **פאַרעכטן** וואָס מ׳האָט פוגם געווען. **אַז מ׳וויל האָבן שמירה מ׳זאָל נישט ווייטער זינדיגן.**

מ׳וויל האָבן עפּעס אַן עצה מ׳זאָל שוין זען, וואָס איז באמת די עצה היעוצה?

נאָר אַז מ׳זאָל מוכן ומזומן זיין מ׳זאָל מוסר נפשו זיין וגופו.

אַזוי ווי מ׳זעט די גרויסע נסיונות מ׳קאָן עס גאָרנישט אַנדערש דורכברעכן, מ׳קאָן גאָרנישט עומד בנסיון זיין, מ׳קען נישט דורכרוקן די שווערע נסיונות אָן מסירת נפש.

איבערדעם דאָס איז טאַקע געווען, איבערדעם איז דאָס זעלבע ווי כ׳האָב פריער געזאָגט די גאַנצע בחינה אַז דאָס איז געווען וַיִּחַדְּ יִתְרוֹ.

מיט דעם קאָן זיין, אַז מ׳איז שטאַרק צובראָכן מ׳זעט זיך חלילה פאַר אַ פאַרלאָרענער, איז אויך ״ויחד״ קאָן מען אויך האָבן שמחה בלב.

KolSatmar.com

פון דעם אַליין אַז מ׳זעט דעם מצב, און מ׳האָפט צום באַשעפער, קאָן מען געהאָלפן ווערן.

### סב

ויש לפרש עוד בפסוק קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי, דעד כשיבוא הקץ יתוקן הכל על ידי הגלגולים

קען זיין [לפרש עוד] דאָס וואָס ס׳שטייט - טאַקע [הפסוק] וואָס דער דברי חיים זאָגט - **קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי**.

קען זיין אפשר גאָר וואָס מ׳האָט מרמז געווען [קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי].

אַזוי ווי טאַקע דער דברי חיים זאָגט דאָך, אַז וואָס דער תיקון איז [מרומז בפסוק זה].

[כמו״כ יש לומר שהפסוק בא לרמז] וואָס מ׳וועט צוקומען, ווען ס׳וועט זיין דער עולם התיקון, וועט אַלעס פאַרראָכטן ווערן.

לעולם די אַלע נשמות שטייט דאָך, - ווי איך האָב דאָס פרשת בא געזאָגט ״בִּבְנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵינוּ״ ס׳גייען דורך די דורות, - די גלגולים וואָס ס׳גייען דורך אין די אַלע דורות[כ].

איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, ס׳איז געווען דאָס דור המבול און זענען נכרת געוואָרן מן העולם.

אָבער דערנאָך וואָס איז געוואָרן פון זיי? זענען אַראָפּגעקומען און זענען נאָכאַמאָל מגולגל געוואָרן, און זענען געקומען אין דור המדבר.

דאָס דור המדבר איז אויך געבליבן אין די מדבר.

נאָר וואָס דען? ווען ס׳וועט זיין דער קץ, ווען מ׳וועט זוכה זיין צום קץ וועט אַלעס פאַרראָכטן ווערן.

איבערדעם האָט דער בורא כל עולמים געזאָגט, וואָס וועט זיין מיט דעם דור המבול, חלילה אַ בריאה לריק?

נאָר קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי, דעמאָלטס וועלן זיי נאָך קומען פאַר׳ן באַשעפער.

### סג

ביאור: ״בָּא לְפָנַי״, דכשיהיה התיקון, נזכה לקבל אפי שכינתא

דער **זוהר הקדוש** זאָגט דאָך (ויחי ריט:) אַז מ׳איז נישט זוכה, ווער ס׳האָט דעם חטא הידוע, קען נישט מקבל זיין אַפֵּי שְׁכִינְתָּא.

איבערדעם זאָגט דאָס דער פסוק, טאַקע אַז אַזוי איז אין די אַלע דורות [דמי שלא תיקון החטא אינו זוכה לקבל פני השכינה].

---

[כ] בס״ג פרשת בא תשכ״ב (לשון קדשו, אות טז מקוצר) ס׳איז דאָ אַזעלעכע וואָס זיי וועלן אויסגעלייטערט ווערן במשך הדורות פון די אַלע ״גלגולים״, די אַלע ״גלגולי הנשמות״, דאָס דור המדבר אַליין איז דאָ אַזעלעכע וואָס זענען נאָכאַמאָל אַראָפּגעקומען. משה רבינו האָט אים געענטפערט [לפרעה]: דו פרעגסט מיך דאָ אַ קשיא מִי וָמִי הַהֹלְכִים? זאָלסט נישט מיינען אַז די וואָס זיי בלייבן דאָ [במדבר], איז אַן עק חלילה, די זענען פאַרפאַלן, זאָלסט וויסן די אַלע דורות ״בִּבְנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵינוּ״, די אַלע קינדער וואָס מ׳וועל מיר האָבן, די אַלע דורות וואָס ווערן אויפגעצויגן, דאָ וואַרפט זיך דורך נְשָׁמוֹת פון די אַלע. איבערדעם שטייט נאָכאַמאָל ״נֵלֵךְ״, זאָלסטו וויסן, אונז אַלע, אַזוי ווי דו קוקסט אָן דעם דור, דו מיינסט אַז די בלייבן שוין דאָ אַזוי חלילה נדחים, זאָלסט וויסן [אַז] די וועלן נאָכאַמאָל קומען אין אונזערע קינדער, ״בִּבְנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵינוּ״, אין אונזערע דורות וועט אַראָפּקומען נשמות, וועט זיין נאָכאַמאָל ״נֵלֵךְ״.

KolSatmar.com

אָבער ווען ס׳וועט זיין דער עולם התיקון, און אַלעס וועט פאַרראָכטן ווערן, ס׳וועט זיין דער תיקון בשלימות, וועט דאָך קומען אליהו און משיח מיט משה רבינו׳ן.

מעט התשובה שעושין היום מועיל שלא נדחה ח״ו לגמרי

דעמאָלטס ווען אידן טאָן תשובה עילאה, דאָס וואָס מ׳פלאָגט זיך היינט אפילו ווי אַ שוואַכע תשובה מ׳טוט, אויף אַזויפיל [מועיל] אַז מ׳זאָל מיר זוכה זיין צו ביאת המשיח, אַז מ׳זאָל נישט נדחה ווערן.

דעמאָלטס וועט מען טאָן תשובה בשלימות וועט פאַרראָכטן ווערן דער חטא הידוע, וועט יעדער קאָנען צוקומען צום באַשעפער, וועט מען זוכה זיין לְקַבֵּל אַפֵּי שְׁכִינְתָּא, אפילו די וואָס זענען נכשל געוואָרן, ווען ס׳וועט זיין דער עולם התיקון וועט אַלעס פאַרראָכטן ווערן.

איבערדעם קאָן זיין דאָס זאָגט דער פסוק קֵץ כָּל בָּשָׂר. ווען ס׳וועט זיין דער קץ פון אַלעמען, וועט זיין בָּא לְפָנַי, ווען זיי אויך קומען פאַר מיר, דעמאָלטס וועלן זוכה זיין אַלע מקבל זיין אַפֵּי שְׁכִינְתָּא.

דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט ״קֵץ כָּל בָּשָׂר״.

סד

אָבער על כל פנים דאָס [מסירת נפש] איז זיכער אַ תקנה, אַז מ׳וועט זוכה זיין.

איבערדעם, איז ער געווען העביר חרב חדה על בשרו, איבערדעם האָט יתרו געוואָלט, ער זאָל זוכה זיין צו דעם תיקון פון קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי, מיט העביר חרב חדה.

ער האָט געזען, ווי כ׳האָב פריער געזאָגט [בפירוש הדברי חיים], מיט מסירת נפש מיט דער בחינה קאָן צוקומען [לתקן החטא], קאָן זיין קֵץ כָּל בָּשָׂר בָּא לְפָנַי.

סו

[קושיות יד, טו, טז - והביאורים]

## ביאור הפסוק: מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹקִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל

**איך האָב אינזין געהאַט היינט, שטייט מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹקִים יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל.**

[קושיא יד]

למה כתב משה ״ידבר״ וגו׳ בלשון עתיד

יד) לעולם איז דאָך אַזוי, דער פסוק דערציילט דאָך מיר וואָס ס׳איז געווען׳, וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל הָאֱלֹקִים וַיִּקְרָא אֵלָיו, האָט ער געווען געדאַרפט צו זאָגן [לשון עבר] משה ׳דִּבֵּר׳ ער האָט גערעדט, וְהָאֱלֹקִים ׳עֲנָהוּ׳ און דער בורא כל עולמים האָט אים געענטפערט, [כפירש״י] ער האָט אים געגעבן כח.

[קושיא טו]

מלת ״בקול״ נראה כמיותר

טו) און וואָס איז דער **בְּקוֹל**, וועגן קול, מ׳ווייסט דאָך אַז דער בורא כל עולמים האָט אים געענטפערט, ער האָט אים געגעבן כח אויפ׳ן דיבור, איז דאָך עס וועגן קול.

KolSatmar.com

**[קושיא טז]**

במדרש: בְּקוֹל לא נאמר אלא בקולו של כל אחד ואחד, וצ״ב

טז) **חכמינו ז״ל דרש'נען** (שמו״ר ה, ט) **בְּקוֹל לא נאמר אלא בקולו של כל אחד ואחד, לויט יעדן** [וצ״ב].

**סז**

הקדמה לביאורי הקושיות יד, טו, טז

בישמח משה: כל דיבור של הקב״ה עומד לנצחיות, ולזה לא צוה משה להים לקרוע בדיבורו

**נאָר דער אמת איז, די אַלע קולות פון מתן תורה זענען געבליבן אַ נצחיות,** [כי היה] **שכינה מדברת מתוך גרונו** (זוה״ק ח״ג קלב.), [און] **דיבורים פון הקב״ה קען קיינמאָל נישט בטל ווערן.**

**סח**

[אַזוי ווי] **ס'שטייט אין ישמח משה**[כא] **ה׳ יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד** [לשון עתיד]**. דאָס וואָס דער בורא כל עולמים טוט** [נשאר נצחיות]**, ווען משה רבינו העט געווען געזאָגט בדיבור פאַר'ן ים ער זאָל זיך שפּאַלטן, העט ער קיינמאָל נישט געקאָנט צוריקגיין, ווייל דאָס וואָס ס'קומט פון הקב״ה איז אַ נצחיות** [ושכינה היה מדברת מתוך גרונו של משה].

**סט**

**איבערדעם די אַלע דיבורים וואָס אידן זענען געשטאַנען ביים מעמד הנבחר און מ'האָט געהערט אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ.**

**די אַלע, אנכי ולא יהיה לך מפי הגבורה שמענום** (מכות כד.)**, אפילו דאָס וואָס משה רבינו האָט איבערגערעדט די אַלע עשרת הדברות, די אַלע כוחות הקדושה דאָס איז אַ נצחיות.**

**ע**

הזמן מעורר הקולות, וצדיקים הקודמים שמעו אותם

**ס'איז ידוע פון ספרים, אַז די פריערדיגע צדיקים האָבן געהערט די זעלבע קולות ווייטער, אין זמן וואָס דאָס איז געווען, האָט מען געהערט די זעלבע קולות, די אַלע** [צדיקים] **וואָס ס'איז געווען כסדר.**

**און אפילו אין די שפּעטערע דורות, אפילו מ'הערט נישט, אָבער אַ שטיקל הרגשה האָט מען, אַ שטיקל הרגשה האָט מען פון די אַלע דיבורים און די אַלע קולות, יעדער איד דורך זיין קול תורה ותפלה, האָט מען אַ הרגשה.**

**נאָר די קשיא איז דאָך, אַז דאָס איז טאַקע אַזאַ נצחיות, פאַרוואָס הערט נישט יעדערער? פאַרוואָס שפּירט נישט יעדערער?**

---

[כא] **בישמח משה** (בשלח בפסוק מה תצעק אלי) מפרש המדרש (ילקו״ש רמז רלג) **וְאַתָּה הָרֵם אֶת מַטְּךָ**, באותה שעה אמרו ישראל ה׳ יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד. נראה דכל מעשיו יתברך בעצמו ראוי להיות ניצחי כמוהו, כי הוא אמר ויהי הוא ציוה ויעמוד, ופעולה שאינה נצחי הוא פחיתות ח״ו לו יתברך אם יהיה על ידי עצמו וצריך להיות על ידי שליח. וכאן היה בקיעת הים רק לפי שעה, ואחר כך שב לאיתנו למען ינער פרעה וחילו בים סוף, לכך הוצרך להיות על ידי שליח, וגם על ידי מטה דייקא, דהא שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, ודבורו הוא דבר ה׳ בעצמו. ואיתא במדרש (ילקו״ש רמז רנג) הביאו אהבת דודים נ״ט ע״ב) דאלו גאולת מצרים היה נצחי וגאולה שלימה, היו אומרים ה׳ מֶלֶךְ עוֹלָם וָעֶד. והשתא מבואר באותה שעה ששמעו ישראל [וְאַתָּה הָרֵם אֶת ״מַטְּךָ״] שנעשה על ידי שליח, אינו נצחי, אם כן הבינו דהגאולה אינו נצחי כי היה על ידי שליח, לכך אמרו ה׳ יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד [לשון עתיד].

KolSatmar.com

**עא**

**ביאור קושיא יד - טו**

מֹשֶׁה ׳יְדַבֵּר׳ גם לעתיד שישאר לנצח, וְהָאֱלֹקִים ׳יַעֲנֶנּוּ׳ ׳בְקוֹל׳ כי כח האלקי שבתוכו הוא נצחיות

דער פסוק זאָגט, אַז וויסן זאָלט עטץ ״מֹשֶׁה יְדַבֵּר״, [לשון עתיד] משה האָט נישט גערעדט [נאָר] דעמאָלטס, ער רעדט כסדר, דאָס קול וואָס ס׳איז אַרויסגעגאַנגען איז געבליבן אַ נצחיות.

[והראיה דבימינו] **מ׳זעט דאָך אפילו אַ קול טבעי אַליין, בלייבט אויך, מ׳קען עס אויפנעמען.**

איבערהויפּט אַזאַ מאָדע קול, איז דאָך טאַקע ממש אַ נצחיות, וְהָאֱלֹקִים יַעֲנֶנּוּ, דער כח אלקי איז דאָ דערינען.

**עב**

**ביאור קושיא טז**

׳השמיעה׳ תלוי ״בקולו של כל אחד ואחד״, לפי ההכנה וקול תורה ותפלה שלו

נאָר פאַרוואָס דען ׳הערט׳ מען נישט [יעדערער] ?

[והתירוץ הוא, בְּקוֹל.] ס׳איז ״בקולו של כל אחד ואחד״, יעדערער לויט זיין מצב הערט און שפּירט.

ס׳איז גיוועגדט וויאַזוי מ׳זעט אויס, וואָסערע הכנה מ׳האָט, בְּקוֹלוֹ של כל אחד ואחד. וואָס פאַר אַ קול תורה ותפלה מ׳האָט פון זיך אַליין.

ס׳איז פאַרהאַנדן איינער וואָס ער האָט אַ שטיקעלע הרגשה, די וואָס זענען געווען גרויס, האָבן געהערט, דאָס הערן איז אויך נישט געווען איינִיג ביי יעדן, ווי העכער ער איז געווען, האָט ער בעסער געהערט.

איבערדעם זאָגט דער פסוק [בְּקוֹל], בקולו של כל אחד ואחד, יעדערער לויט זיין מצב ווערט ער נתפעל פון די דיבורים.

**עג**

## סיום התורה ודברי התעוררות

איבערדעם דאַרף מען זיך באַרעכענען.

מ׳גייט דורך די דיבורים פון הקב״ה אַליין, וואָס ער האָט מקרב געווען אידן, מ׳איז אַזוי נִתְגַשֵּׁם, מ׳הערט נישט, מ׳שפּירט נישט, פון דעם אַליין קאָן מען וויסן וויאַזוי מ׳האַלט, בקולו של כל אחד ואחד.

השי״ת יְקָרֵב לבבות בני ישראל.

השי״ת זאָל העלפן, **מ׳זאָל נתקרב ווערן צו דער קדושה.**

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, אין די אַלע זמנים.

די אַלע דיבורים וואָס דער בורא כל עולמים האָט געטוהן חסד מיט אידן, דער בורא כל עולמים האָט זיי מקרב געווען צו דער קדושה, בְּחַרְתָּנוּ מִכָּל הָאֻמּוֹת, וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ.

דאָס זאָל **בלייבן** טאַקע. מ׳זאָל דאָס שפּירן, מ׳זאָל דאָס מרגיש זיין **בלב.**

מ׳זאָל זוכה זיין חירות, חֵרוּת מִשִּׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, פון די אַלע גזירות רעות.

KolSatmar.com

עד

דער אמת איז, אַלעס איז דער עון הדור.

בעוונותינו הרבים, דאָס דאַרף מען דאָך נישט אויסרעכענען דער עון הדור עד היכן הדברים מגיעים.

השם יתברך יציל את עמו ישראל.

**השם יתברך ירחם, טאַקע דורך דעם גרויסן שפלות, דאָס אַליין איז דער לימוד זכות, דורך דעם גרויסן שפלות.**

השם יתברך זאָל העלפן:

מ'זאָלמיר זוכה זיין מ'זאָל נישט אַוועקגיין מיט גאָרנישט, די אַלע דיבורי תורה ותפלה פון די אַלע השפעות.

מ'זאָל פאַררעכטן וואָס מ'האָט פוגם געווען.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, מ'האָמיר נאָך אין די ימי השובבי"ם, האָט מען שוין נאָך די לעצטע וואָך, אין אַ שנת העיבור קומט נאָך צו תרומה תצוה.

דער באַשעפער זאָל העלפן מ'זאָל נישט דורכגיין די וואָכן מיט גאָרנישט.

השם יתברך זאָל העלפן מ'זאָלמיר נאָך זוכה זיין מתקן צו זיין וואָס מ'האָט פוגם געווען.

דער בורא כל עולמים זאָל אונז פירן בדרך האמת.

**מ'זאָל וויסן וויאַזוי צו האָבן מסירת נפש פאַר'ן באַשעפער, צו דעם ברויך מען אויך האָבן אַ דעת אמיתי, אַ השפעה אלקות, השם יתברך ישפיע אין די לבבות.**

דער אייבירשטער זאָל העלפן מ'זאָלמיר דורכגיין די שווערע צייטן.

ווער ווייס דען נאָך וואָס די חבלי משיח זענען?!

ס'זאָל שוין געווען זיין וואָס ס'איז געווען! וואָס מ'האָמיר געזען מיט אונזערע אויגן, אוי לדור שכך עלתה בימינו.

וואָס ווייסט מען דען דעם גרויסן מצב, ווער ווייסט דען נאָך וואָס ס'דאַרף נאָך דורכגיין.

מ'זעט וואָס ס'הענגט נאָך.

בעונותינו הרבים, אוֹיְבִים מָשְׁלוּ בָנוּ, אוי די שׂוֹנְאֵי ה', די אוֹיְבֵי ה', די רעכטע עמלקים, דאָס ערב רב וואָס זענען מזרע עמלק, די האָבן דעם כח אויף אידישע קינדער, מ'איז יעדער אונטערוואָרפן בעונותינו הרבים.

און אידן שומרי תורה זענען מיט זיי צוזאַמען?!

ווייסט השי"ת וואָס דאָס ברענגט חלילה.

השם יתברך זאָל אונז אָפּהיטן וואָס ס'קאָן חלילה ברענגען.

היוצא לנו מזה, אַזוי ווי מ'זעמיר היצט, אין אַזאַ מצב דאָס ביסל אידן.

KolSatmar.com

קב

דער אמת נסים ונפלאות גדולות ונוראות דאָס ביסל אידן וואָס זענען ניצול געוואָרן, אַז ס'איז נאָך געבליבן אַביסל אידן, וואָס מ'ווייסט אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער, און ס'איז דאָ אַ תורה הקדושה אַלעס איז נסים ונפלאות גמורות.

אָבער [קיין הצלה גמורה איז נישט] ווילאַנג מ'איז נישט פטור פון די רודפים, פון די שונאים גמורים, פון די גזירות רעות.

ווילאַנג מ'זעט נעבעך וויאַזוי דער מצב איז צווישן אידן, מ'זעט וואָס ס'טוט זיך אין דער גאַנצער וועלט דאָ און דאָרטן.

ווי כ'האָב פריער געזאָגט יתרו איז געווען מיצר ודואג על איבוד מצרים, פאַר די מצריים האָט ער זיך געשראָקן, ער האָט געזען וואָס ס'איז זיי געשען.

אונז דאַרף מיר נישט גיין פון די 'מצריים', בעונינו הרבים איז דאָ 'אידן' נעבעך וואָס ליידן, און זענען בשפל המצב, ס'איז דאָ אידן וואָס זענען **בצרות גדולות ונוראות, בגשמיות, וברוחניות**, מ'קאָן זיך נישט אַנטוויקלען, ס'איז נישטאָ קיין עצה פאַר זיי, **וויאַזוי זאָל מען זיך נישט שרעקן?!**

קודם וואָס מ'דאַרף זיך גאָר **מִשְׁתַּתֵּף זיין בְּצָרָתָם**.

עקסטער דאַרף מען זיך פאַר זיך אַליין שרעקן, מ'ווייסט דאָך מ'איז באַטייליגט אין די אַלע עֲוֹנוֹת.

**נאָר רחמים וחסדים פון הקב"ה**, השי"ת לאָזט אונז אין דעם שפלות, מ'איז דאָך מלא עונות ופשעים, **נאָר דער בורא כל עולמים העלפט**.

איבערדעם ברויך מען האָבן, פאַר דעם אַליין ברויך מען זיך אינזין האָבן.

קג

דער אמת איז, - קיין הצלה גמורה - די וואָס זענען ניצול געוואָרן, ווילאַנג מ'זעט נישט עפּעס אַז מ'זאָל האַלטן שוין אַזוי ווי דעמאָלטס ביי מצרים נאָך קריעת ים סוף און מלחמת עמלק, ווייסט מען נישט כִּי הוֹצִיא ה' אֶת יִשְׂרָאֵל.

אַזוי ווי דער **תוספות הרא"ש** זאָגט, משה רבינו האָט נאָכנישט געקענט אַ נאָמען געבן [אֱלִיעֶזֶר לבנו הראשון] וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה, ביז ס'איז נישט געווען מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים אֶת נַפְשֶׁךָ.

קד

אַזוי איז עס היינט, דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מיט רחמים וחסדים.

מ'ברויך מיר נישט געבן קיין עצות פאַר'ן בורא כל עולמים, נאָר דער בורא כל עולמים זאָל העלפן אידן, **יוּפַר עֲצָתָם וּמַחְשְׁבוֹתָם**.

ווי דער אמת איז, **די אַלע צרות וואָס אידן האָבן געליטן זענען דאָך** געווען בעוונינו הרבים **דורך די כת הידוע**, די כת הידוע וואָס זיי ווילן **אַראָפּפירן** אידן **פון דער אמונה**.

ווילן זיך אַליין זוכן אַ גאולה, און ווילן עוקר זיין די תורה הקדושה, לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי[כב], אַז מ'זאָל נישט וויסן אַז ס'איז דאָ אַ תורה הקדושה אויף דער וועלט.

---

[כב] לשון הפסוק אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד (תהלים פג, ה).

KolSatmar.com

**דאָס איז סוֹף דַעְתָּם וּרְצוֹנָם, בעוונינו הרבים אין דעם גייט עס.**

**ווילאַנג זייער כח עקזעסטירט, ווייסט מען נישט וואו מ׳האַלט, וויאַזוי זעמיר אונז ניצול געוואָרן אַז דער כח בעוונינו הרבים עקזעסטירט.**

**השי״ת זאָל שוין דאָס עוקר זיין מן העולם!**

**אמת הדבר מיט רחמים וחסדים, נישט חלילה מיט צרות, דער בורא כל עולמים האָט עצות.**

**אוֹי ווי קאָן זיין באַרואיגט דאָס האַרץ פון אַ איד אַז דאָס עקזעסטירט אויף דער וועלט?!**

**בעוונינו הרבים אַז שומרי תורה ויראה שטיצן עס נאָך?!**

**אוֹי לָנוּ אַז מ׳האָמיר צו דעם דערגרייכט.**

**די פריערדיגע דורות זיי העטן דאָס געוועזן צוגעזען העטן זיי זיכער נישט געוועזן אויסגעהאַלטן, זיי העטן נישט געקאָנט לעבן איין טאָג, נאָר בעוונינו הרבים אֵין בְּשַׂר הַמֵּת מַרְגִּישׁ בְּאִיזְמֶל.**

**קה**

**אַזוי ווי מ׳האָמיר געזען ביי יתרו׳ן[כג], אַז ער האָט אַ ברירה געהאַט צו שווייגן** [כמו איוב כשיש יחד עם בלעם, אמנם] **ס׳איז נישטאָ קיין עצה נאָר צו אַנטלויפן!**

**וואו קאָן מיר אונז אַנטלויפן, אָנָה מִפָּנֶיךָ אֶבְרָח?!**

**מ׳העט געדאַרפט צו אַנטלויפן וואו די וועלט האָט אַן עק!**

---

[כג] בס״ג פרשה זו (בחלק שלא נדפס בקונטרס זו) מבאר רבינו:

לעולם איז אַזוי, די גמרא זאָגט (סוטה יא. סנהדרין קו.) ג׳ היו באותה עצה וכו׳, **בלעם שֶׁיָּעַץ** נהרג, **איוב שֶׁשָּׁתַק** נידון ביסורים, **יתרו שֶׁבָּרַח** זכה וישבו בניו בלשכת הגזית.

לכאורה איז דאָ גרויסע קשיא, איוב איז דאָך געווען אַ צדיק וכו׳ פאַרוואָס האָט ער געשוויגן?, ווייל ער האָט נישט געקענט קעגן בלעם׳ן, נו קאָן זיין חד לגבי חד, ער [בלעם] איז געווען אַזוי שטאַרק אין דער טומאה, און ער [איוב] איז דאָך נאָר געווען ׳איינער׳ האָט ער נישט געקענט, ס׳איז אָבער א גרויסע קשיא, יתרו איז דאָך געווען ביי ׳דער׳ מיינונג [של איוב], ער האָט דאָך תשובה געטוהן, ער איז דאָך פאַרדעם ׳אַנטלאָפן׳, העט בעסער געווען ער זאָל ׳דאָרט׳ זיצן, העטן זיי דאָך געווען אַ ׳רוב׳, העטן זיי גיוועץ מכריע געווען בלעם׳ן, לכאורה איז געווען אַ גרויס תרעומות אויף יתרו׳ן פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?! פאַרוואָס האָסטו נישט גענומען טייל, און דאָרט זיצן, אַז זאָלסט עפּעס אויפטוהן זאָלסט עפּעס מציל זיין, ס׳זיצט דאָרטן בלעם און ער האָט געגעבן עֵצוֹת רָעוֹת אויף אידן, און ווען דו ביסט ׳אינעווייניג׳ ביסטו גאָר אַ ׳מאַיאָריטעט׳, ביסטו דאָך אַ ׳רוב׳, איז דאָך אַ גרויסע קשיא.

**ער האָט אָבער געהאַט אַ שיטה, מיט בלעם׳ן אינאיינעם טאָר מען נישט זיצן! דאָרט קען מען נישט פאַררעכטן! מ׳קאָן נאָר מיטגעריסן ווערן, דאָרט וואו ס׳איז אַזאַ טומאה, און ס׳שטאַמט פון אַזאַ מלוכה על ה׳ ועל משיחו, פון דאָרט מוז מען נאָר אַנטלויפן, יתרו האָט געהאַט די שיטה.**

לכאורה מַאן מַפִּיס [=מי יכול להבחין], פונוואַנעט האָט מען געוואוסט ווער ס׳איז גערעכט, וויאַזוי האָט ער זיך געקאָנט טרויען ׳קומען׳ צום כלל ישראל, דער כלל ישראל העט אים געקאָנט ׳פאַרשטיינען׳ [=לרגום אותו], וואָרן מ׳האָט אַזויפיל צרות געליטן [במצרים], און דאָרט איז געוועזן איין בלעם און דו האָסט געקאָנט זיין אַ רוב, פאַרוואָס האָסטו נישט גענומען טייל, פאַרוואָס האָסטו דיך נישט דאָרט אַנידערגעזעצט דאָרטן ביי דעם ״צוזאַמענקונפט״ וואו זיי זענען געזעסן די יועצי המלך מיט די מלוכה, די יועצי המלוכה זענען דאָרט געזעסן די דריי יועצים, העט געווען אַ רוב, פאַרוואָס האָסטו דאָס געלאָזט שפּינען און דו ביסט אַנטלאָפן, אַ גרויסע קשיא, האָט ער מורא געהאַט [צו קומען].

ומבאר רבינו ע״פ המדרש (שמו״ר כא, ז) דבשעת קריעת ים סוף נתן הקב״ה את איוב להשטן, ונידון אז ביסורים, והטעם שנידון ביסורים מפני שישב עם בלעם, מזה נתברר ששיטת יתרו צודק, וזאת נתברר מ״קריעת ים סוף״ ולזה אמרו מה שמועה שמע ובא ״קריעת ים סוף״, עיי״ש באריכות.

KolSatmar.com

קו
## ברכת הקודש

השי״ת זאָל העלפן.

מ׳האָמיר נאָך די פאַר וואָכן קודם פון די ימי השובבי״ם.

השי״ת זאָל העלפן מ׳זאָל משים אל הלב זיין, מ׳זאָל די זכיה האָבן נאָך מתקן צו זיין וואָס מ׳האָט פוגם געווען.

השי״ת זאָל מאיר זיין בלבבות בני ישראל.

דער זכות אבותינו הקדושים זאָל אונז ביישטיין אויף דעם, אַז מ׳זאָלמיר נאָך קענען תשובה טאָן פאַר׳ן בורא כל עולמים.

מ׳זאָל מיר זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו.

ווען דער אייבירשטער וועט העלפן די ימי הקץ וועט אַלעס פאַרראָכטן ווערן.

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ׳זאָלמיר זוכה זיין צו זען בשמחת ציון וירושלים, יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ, ס׳זאָל נתרומם ווערן מלכותו יתברך שמו.

מ׳זאָל וויסן אַז ס׳איז נישטאָ אויף דער וועלט נאָר די תורה הקדושה, די אַלע, מַלְכוּת הָרִשְׁעָה תַּעֲבוֹר מִן הָאָרֶץ!

די אַלע וואָס די ווילן חלילה פירן די וועלט אָן דער תורה הקדושה יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ.

בעוונינו הרבים דורכ׳ן עון הדור האַלט זיך דאָס אויף.

השם יתברך זאָל אונז מציל זיין, מ׳זאָל נישט אַריינפאַלן אין די, לֹא מִינֵּיהּ וְלֹא מִקְּצָתוֹ.

השם יתברך זאָל דערלייכטן אידישע אויגן, מ׳זאָל זוכה זיין צו זען דעם אמת.

השם יתברך זאָל העלפן:

היינט איז געווען אַ זמן אַ טאָג פון קבלת התורה, מ׳האָט געליינט די פרשה פון קבלת התורה. מ׳האָט געליינט די עשרת הדברות.

**די תורה הקדושה זאָל פאַר אונז ממליץ זיין!**

די תורה הקדושה זאָל אַרבעטן דערפאַר! אונז קען מיר גאָרנישט טאָן, די הייליגע תורה אַליין.

די הייליגע תורה זאָל מעורר זיין רחמים וחסדים, ס׳זאָל זיך מציל זיין מיט אידן צוזאַמען, די תורה הקדושה אַליין זאָל זיך מציל זיין, מ׳האָמיר מקבל געווען די תורה הקדושה, די תורה הקדושה אַליין זאָל מציל זיין זיך מיט׳ן כלל ישראל אינאיינעם, מיט די גאַנצע וועלט אינאיינעם.

KolSatmar.com

ס׳זאָל נתגלה ווערן דער כח התורה, מ׳זאָל וויסן ס׳איז נישטאָ עפּעס אַנדערשט, נאָר דער באַשעפער און די תורה הקדושה, און די אַלע אידן וואָס זענען דבוק אין בורא כל עולמים און אין די תורה הקדושה.

השי״ת זאָל העלפן זאָלמיר זוכה זיין מקבל זיין פני משיח צדקינו בנחת ובשמחה, מ׳זאָל זיך פרייען מיט דער תורה הקדושה, ס׳זאָל זיין יִשְׂמְחוּ הַשָּׁמַיִם וְתָגֵל הָאָרֶץ.

זאָל מיר זוכה זיין צו זען בהתרוממות קרן התורה וישראל ובהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

KolSatmar.com